THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JAN 8 1932
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש אונאפהענגיג נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אלע שיכטען.

VOLUME XIX No. 7762 — Wednesday, January 6th, 1932 — יום ד׳, כ״ז טבת, פרשה וארא, תרצ״ב. — טאראנטא, מיטוואך דער 6-טער יאנואר, 1932. — PRICE THREE CENTS

ראזענוואלד האט נאך בלויז 36 ש[illegible] צו לעבען

N.Y. Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK N Y

קראנקער אידישער [illegible]פ קען שוין ניט ריידען. — זיין דאקטאר דער[illegible] אז טויט קען יעדע שטונדע דערווארט ווערען א[illegible]מענדע 36 שעה. — מ׳האלט איהם אויף אויף דראגס [illegible]די צו פארלייכטערן זיינע שמערצען.

שיקאגא, יאנ. 5, (איטא).

דזשוליוס ראזענוואלד, דער באריהמטער אידיש-אמעריקאנער פילאנטראפ, וועלכער איז די לעצטע וואכען אויפ׳ן קראנקען בעט, האט היינט פלוצלונג געליטען א „רילעפס", ד. ה. זיין צושטאנד איז ווידער געווארען קריטיש, און לויט ווי דר. הערבערט פאלאק, וועלכער אטענדעט איהם, האט דערקלעהרט, דערווארט ער ניט, אז ראזענוואלד זאל לעבען מעהר ווי 36 שעה.

מרס. ראזענוואלד און די פינף קינדער ווערען ניט אריינגעלאזען אין קראנקען צימער. ראזענוואלד איז צו שוואך צו קענען ריידען אדער לייענען. ער איז געשלאפען 16 פון 24 שעה. מיט דער הילף פון דראגס זענען זיינע שמערצען פארלייכטערט געווארען.

פיליפ האלפערן, רעדאקטאר פון „קאמף" נעכטען געשטארבען

נאך א לענגערער קראנקהייט איז נעכטען 5.20 פארנאכט געשטארבען אין עלטער פון 37 יאהר, פיליפ האלפערין, רעדאקטאר פון „קאמף" און א געוועזענער מיטארבייטער פון „זשורנאל", איבערלאזענדיג א פרוי און א קינד.

פיליפ האלפערין איז געשטארבען אין דזשענעראל האספיטאל, ליידענדיג פון א קאמפליצירטער קראנקהייט, געגען וועלכער די מעדיצין איז געווען פאקטיש הילפלאז.

ער איז געבוירען געווארען אין מינסק, רוסלאנד, און איז אין זיין יונגען עלטער אנגעקומען קיין אמעריקע. מיט א יאהר 11 צוריק איז ער אנגעקומען קיין טאראנטא, וואו ער איז גלייך געווארען אן אינוועניגסטער מיטארבייטער פון „זשורנאל". שפעטער האט ער איבערגענומען דעם פאראנטווארטליכען אמט אלס סיטי-עדיטאר, וועלכען אמט ער האט אנגעהאלטען עטליכע יאהר נאכאנאנד.

שפעטער איז ער פון „זשורנאל" ארויס און איז געווארען רעדאקטאר פון דער וועכענטליכער אידיש-קאמוניסטישער אויסגאבע „דער קאמף".

דער קערפער פונ׳ם פארשטארבענעם וועט קענען געזעהען ווערען אין קראל׳ס אנדערטייקינג פארלאר אויף בעטהורסט סטריט פון 5 אזייגער פארנאכט ביז אין אוונט.

די לויה וועט פארקומען דאנערשטאג נאכמיטאג.

אלדערמאן בייקער וועט פארלאנגען „ריקאונט" אין ווארד אכט

נעכטען איז געווען דער לעצטער מיטינג פון דעם אלטען סיטי-קאונסיל, און פיער באזיגטע מעמבערס האבען זיך געזעגענט מיט זייערע פריינט פאר דעם קומענדען יאהר. די וואס האבען זיך געזעגנט זענען קאנטראלער אלבערט העקער; אלדערמאן טשעמבערליין, ווארד 6; אלדערמאן פרעד מ. בייקער, ווארד 8, און אלדערמאן דזש. א. סי. קעמעראן, ווארד 2.

אלדערמאן בייקער האט אבער דערביי אינפארמירט, אז נעהמענדיג אין אנבאטראכט דעם פאקט וואס ער איז באזיגט געווארען בלויז מיט 28 שטימען, וועט ער פאדערען א „ריקאונט".

דער מעיאר האט באדאנקט דעם קאונסיל פאר דער קא-אפעראציע וואס ער האט באקומען דורכ׳ן יאהר.

באדויערונגס רעזאלוציעס זענען אנגענומען געווארען פאר דעם טויט פון רעדאקטאר פון דער „טעלעגראם", אורווינג ראבערטסאן, און דעם הויפט-עדיטאריעל שרייבער פון די „טעלעגראם", דזש. ק. מונרא.

„געלט און ליעבע" היינט אין סטענדערד טעאטער

היינט אוונט ווערט געשפיעלט אין סטענדערד טעאטער א פיעסע מיט׳ן נאמען „געלט און ליעבע", מיט דער באטייליגונג פון דער גאנצער קאמפאניע.

עס איז א פרעהליכע פיעסע אנטהאלטענדיג א סך הומאר.



בריאן אין א קריטישען צושטאנד

פאריז, יאנ. 5.

עס איז היינט באריכטעט געווארען, אז אריסטיד בריאן, פראנקרייכ׳ס גרעסטער שטאטסמאן פון דער היינטיגער צייט, איז קריטיש קראנק, ליידענדיג פון א הארץ-שלאג.

טראץ דעם וואס דער דאזיגער באריכט איז פון זיינע נאהענטע פריינד אפגעלייקענט געווארען, פונדעסטוועגען ווייסט מען דאך אז זיין צושטאנד איז א קריטישער.

כינעזער אין כארבין פאגראמירען און מארדען ווייס-רוסען

כארבין, יאנ. 5.

גאסען רייאטען אין כארבין צווישען ווייס-רוסען און כינעזער וועלכע האבען שוין געבראכט נאך 4 טויט פאלען און א בארייטענדע צאהל פארוואונדעטע זענען היינט באנייט געווארען, אלס רעזולטאט פון דעם אינצידענט מיט דעם רוסישען אינגעל וועלכער איז מיט עטליכע טעג צוריק דערמארדעט געווארען פון א כינעזישען סטאר-קיפער.

א צושטאנד פון אמת׳ן כאאס הערשט איצט אין כארבין. כינעזישע נאציאנאליסטען און סטודענטען האבען באפאלען דעם ווייס-רוסישען קווארטאל און האבען אנגעהויבען א בלוטיגען פאגראם, ראבירענדיג און מארדענדיג ווייס-רוסען.

צוליעב דעם דאזיגען צושטאנד איז אבער אויך אנטשטאנען א געפאהר פאר אנדערע אויסלענדער וועלכע וואוינען אין כארבין, איינשליסענדיג די אידען וועלכע וואוינען דארט.

אלע געשעפטען אין שטאדט זענען געשלאסען. די ווייס-רוסען האבען ארויסגעלאזען אן אפיעל צו יאפאן, אז זי זאל פארנעהמען כארבין און איינשטעלען דארט ארדנונג. עס איז אבער ניט וואהרשיינליך אז יאפאן וועט פארנעהמען כארבין, ניט וועלענדיג זיך איינרייסען מיט דער סאוויעט-רעגירונג.

יאפאן אוואנסירט ווייטער

יאפאנעזישע טרופען פון טשינטשאו האבען היינט אוואנסירט אויף שאנהיקוואן, וועלכע געפינט זיך אויפ׳ן צפון גרעניץ פון כינע. פארכאפענדיג די דאזיגע שטאדט מיינט עס, אז יאפאן האט צום ערשטען מאל זינט דעם קאנפליקט אריינגעטראטען אויף אמת׳ער כינעזישער טעריטאריע.

130 כינעזער וועלכע זענען אנטלאפען פון דזשייל זענען פון יאפאנעזער דערשאסען געווארען.

פארשלאג געמאכט געווארען צו אריינלאזען עלטערן אהן א קוואטע אין אמעריקע

וואשינגטאן, יאנ. 5.

אימיגראציאנס קאמישאנער הול איז היינט דערשיענען פאר דער אימיגראציאנס קאמיטע פון קאנגרעס און פארלאנגט אז אלטע עלטערן פון אמעריקאנער בירגער זאלען אריינגעלאזען ווערען קיין אמעריקע אהן קוואטאס. דאס וואלט געמיינט, האט ער געזאגט, ניט מעהר ווי נאך 500 אימיגראנטען א יאהר.

דער טשערמאן פון דער אימיגראציאנס קאמיטע, דיקשטיין, וועלכער האט איינגעבראכט א ביל, אין איינקלאנג מיט דעם דאזיגען פארשלאג, האט דערקלעהרט, אז קינדער פון אזעלכע עלטערן וועלען דארפען צושטעלען געווגנדע פארזיכערונג, אז די עלטערן וועלען דא ניט פאלען צו לאסט.

אינגלאך זיך מודה אין פארברענען אכט פערזאן אויף טויט

גאליפאלי, אהייא, יאנ. 5.

צוויי יונגע אינגלאך וועלכע געפינען זיך דא אין א רעפארמאטארי אנשטאלט, האבען זיך היינט מודה געווען פאר׳ן דעם שעריף טשארלז סווענסאן, אז לעצטען פריהלינג האבען זיי פארברענט אויף טויט א פאטער מיט זיינע אכט קינדער, בעת אלע זענען געשלאפען אין א זומער-קעבין.

כדי צו פארזיכערן אז קיינער וועט זיך ניט קענען ראטעווען, האבען זיי פריהער ארומגעקלאפט אלע ארויסגאנגען מיט טשוועקעס און נאכהער האבען זיי אונטערצונדען דעם קעבין.

די אורזאך ווארום זיי האבען עס געטאן איז געווען אויס נקמה געגען דעם אלטען וועהיט. זיי האבען דערקלעהרט, אז די גאנצע צייט האט זיי דאס געוויסען געפלאגט, און דעריבער האבען זיי זיך מודה געווען אויף זייער טהאט.

אפמאך צווישען היטלעריסטען און קוזיסטען געשלאסען צו ארבייטען הארמאניש צוזאמען

אידישע צייטונג אין קישענעוו דעקט אויף די נייעס וועגען דעם דאזיגען אפמאך. — דער אפמאך באשטעהט פון 16 פונקטען — אידען-פראגע ניט פארהאנדעלט, ווייל קוזיסטען וויסען היטלער׳ס שטעלונג צו אידען.

קישינעוו, יאנ. 5, (איטא).

אז אן אפמאך צווישען די היטלעריסטען און די קוזיסטען איז געשלאסען געווארען איז היינט אויפגעדעקט געווארען פון דער אידישער צייטונג „אונזער צייט".

דערקלעהרענדיג אז זי האט באקומען די אינפארמאציע פון העכסט פארלעסליכע קוועלען, באריכטעט די צייטונג, אז דער דאזיגער אפמאך איז געשלאסען געווארען צו דער געלעגענהייט פון דעם באזוך אין בוקארעסט פון היטלער׳ס פערזענליכען פארטרעטער קארל מאניץ.

עס ווערט איבערגעגעבען, אז א באשטימטער אגרימענט מיט א ליגע פאר נאציאנאלער קריסטליכער פראטעקציע איז דערגרייכט געווארען פאר נאהענטער און ענגער צוזאמענארבייט צווישען ביידע פארטייען — די היטלעריסטען און קוזיסטען.

דער אפמאך וועלכער באשטעהט פון 16 פונקטען איז דערגרייכט געווארען נאך לאנגע דיסקוסיעס. ער שליסט איין א פונקט, אז די רומענישע מערב-גרעניצען זאלען ניט פארלעצט ווערען.

וויכטיגע קוזיסטישע פיהרער האבען ניט׳חתמ׳עט דעם אפמאך.

די צייטונג דערקלעהרט, אז זי ווייסט ניט אויב אינ׳ם אפמאך איז אויך געקומען צו אן אויסגלייך וועגען דער אידען-פראגע, אדער אויב די קוזיסטען האבען וועגען דעם ניט פארהאנדעלט, אננעהמענדיג אז היטלער׳ס דאקטרינס בנוגע דער אידען-פראגע, זענען פאר זיי פולשטענדיג אננעהמבאר.

העלדארף פראצעס ווידער באנייט אין בערלין

בערלין, יאנ. 5, (איטא).

א פארזוך צו איבערשרעקען די פאליציי-עדות ביים העלדארף פראצעס איז נעכטען געמאכט געווארען ווען דער פראצעס איז פארגעזעצט געווארען. די עדות האבען צו אויסשטעהן די גרעסטע שוועריגקייטען צו צושטעלען זייערע באווייזע, ווייל ארום פערציג „נאצים" מאכען א טומעל מיט באליידיגונגען ווען די באווייזע ווערען ארויסגעבראכט.

דער דייטשיש-סאציאליסטישער „פארווערטס" פרעגט היינט, וואס וועט פאסירען ווען די אידישע עדות וועלען געבען באווייזע, אויב די פאליציי ווערט אזוי באדראעט?

שטאדטישע קאמיטעס נעכטען אויסגעקליבען ביים סיטי קאונסיל

ביי א קאקוס פון דעם נייעם סיטי-קאונסיל וועלכער איז נעכטען בייטאג צונויפגעהאלטען געווארען, זענען אויסגעקליבען געווארען די פארשיעדענע קאמיטעס און זייערע טשערלייט.

די צוויי אידישע אלדערמען זענען באשטימט געווארען צו פארשיעדענע קאמיטעס: אלדערמאן גלעס צו דער סיוויק ווארקס קאמיטע, און אלדערמאן פיליפס צו דער פראפערטי קאמיטע.

וואס אנבאלאנגט וועגען דער לעדזשיסלייזשאן קאמיטע ווערט זי צוזאמענגעשטעלט פון די עלטערע (סיניאר) מיטגלידער (אלדערמען) פון יעדען ווארד. וואס דאס מיינט אלדערמאן פיליפס איינגעשלאסען אלס דער סיניאר מעמבער פאר ווארד 4.

די דאזיגע קאמיטעס וועלען נאך דארפען גוטגעהייסען ווערען פארמעל ביי דעם „אינאוגורעל" מיטינג פונ׳ם קאנסיל קומענדען מאנטאג.

א ויכוח קומט נאך איצט פאר וועגען דער פראגע ווער עס זאל באשטימט ווערען אלס וויים-טשערמאן ביי דער באארד אף קאנטראל. דזשיימס סימפסאן באדערט דעם אמט, און רעמסדען וויל איהם אויך.

רעליגיעזע קערפערשאפטען פאדערען הילף פאר ארבייטסלאזע

ניו יארק, יאנ. 5.

א „דזשאוינט" מאניפעסט וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען פון די אידישע, קאטוילישע און פראטעסטאנטישע רעליגיעז-נאציאנאלע ארגאניזאציעס פאדערט, אז די אמעריקאנער רעגירונג זאל אננעהמען שנעלע שריט צו העלפען די ארבייטסלאזע.

פראגע וועגען פרייהייט פון אויסדרוק אין קענטאקי

מאונט-סטערלינג, קענטאקי. יאנ. 5.

דער קאמף פאר פרייהייט פון רעדע און פרייהייט פון פרעסע אין קענטאקי, וועט אריבערגעטראגען ווערען אין דעם סטייט קאורט אף אפילס. דער אפיל וועט געמאכט ווערען פון דער צייטונג נאקסוויל ניוס-סענטינעל, געגען דער ענטשיידונג פון ריכטער הענרי ר. פראויט, אין פארבינדונג מיט דער קלאגע, אז די צייטונג האט געדרוקט אן עדיטאריעל וועלכער טראגט א לייבעל-כאראקטער.

ארויסגעקומען איז עס איבער דעם מיינער-סטרייק אין קענטאקי און קאמענטירענדיג איבער דער „קאנוויקשען" פון וויליאם ב. דזשאנס, אן ארבייטער פיהרער. פרעגט די צייטונג אויב דזשאנס איז געפונען געווארען שולדיג דערפאר וואס ער האט ווירקליך קאנספירירט צו באגעהן א מארד, אדער בלויז דערפאר ווייל ער איז אן ארבייטער-פיהרער.

ברידער וואס האבען געטויט פאליסלייט, בא נעהען זעלבסטמארד

יוסטאן, טעקסאס, יאנ. 5.

הערי און דזשענינגס יאנג, די צוויי ברידער פון דעם פארם אויף מיזורי אזארקס וועלכע האבען מיט א פאר טעג צוריק דערמארדעט 6 פאליסלייט און 3 אנדערע פארוואונדעט, האבען היינט געמאכט א סוף צו זייערע אייגענע לעבענס אינ׳ם הויז וואו זיי זענען געהאלטען געווארען געפאנגען פון א מיליטערישער אפטיילונג.

דערמיט האבען זיי אויסגעפאלגט זייער מאמע׳ס עצה צו טויטען זיך אליין. די צוויי ברידער האבען אפגעמאכט צווישען זיך צו טויטען איינס דאס אנדערע, און זיי האבען דעם דאזיגען אפמאך אויסגעפאלגט, אין איינקלאנג מיט זייער באשלוס, אז זיי זאלען זיך ניט ארויסגעבען צו דער פאליציי לעבעדיגערהייט.

איידער זיי זענען אויסגעגאנגען האבען זיי אויסגעשריען צו די סאלדאטען: — „קומט אריין און נעהמט אונז, מיר זענען שוין טויט".

די קערפערס זענען געפונען געווארען אין באד-רום.

רעדאקטאר פון דער טאראנטא׳ר טעלעגראם געשטארבען

מאנטאג ביינאכט איז געשטארבען אין זיין היים דער הויפט רעדאקטאר פון דער טאראנטא׳ר אוונט צייטונג „די טעלעגראם", מר. אורווינג אוירל ראבערטסאן, אין זיין 50-טען יאהר.

ביי זיין טויטען בעט איז געווען זיין פרוי און זיין דאקטאר.

מר. ראבערטסאן איז געווען באקאנט אלס א בריליאנטענער צייטונגסמאן, און צו זיין הויכען אמט האט ער זיך דערשלאגען דורך זיינע אייגענע פעהיגקייטען. ער איז געווען דער יורש פון דעם גרינדער און אייגענטימער פון דער צייטונג, דזשאהן ראסס ראבערטסאן.

באדויערונגס-מעסעדזשעס זענען דערהאלטען געווארען פון פרעמיער בענעט, פראווינצ. פרעמיער הענרי, עקטינג-פרעמיער פון קאנאדע סער דזשארדזש פוירלי מעיאר סטוארט אטורני-דזשענעראל פרייס און א צאהל אנדערע פון די אנגעזעהענסטע פאליטישע און געזעלשאפטליכע פיגורען אין קאנאדע.

כוליגאנעס אין ווילנע באפרייט, אנדערע אין לאדז באשטראפט

ווילנע, יאנ. 5, (איטא).

פינף יונגע קריסטען וועלכע זענען באשולדיגט געווארען פאר ברעכען אידישע פענסטער דעם 11-טען נאוועמבער, זענען היינט געפונען געווארען ניט שולדיג פון געריכט. דאס זעלבע געריכט האט אויך באפרייט דעם איד ישראל רייבעל מיט זיין זוהן אפרים, וועלכע זענען באשולדיגט געווארען פאר אטאקירען קריסטען.

לאדז, יאנ. 5, (איטא).

דאס געריכט האט פאר׳משפט אויף 1 יאהר יעדען פון פיער כוליגאנעס וועלכע האבען לעצטען אויגוסט זיך באטייליגט אין אנטי-אידישע עקסצעסען אינ׳ם דארף סקאלא, וואו דער 50-יאהריגער איד בערל מילער איז ערנסט גערוואונדעט געווארען.

סאוויעט-רעגירונג שליסט אפמאכען מיט פילע אייראפעאישע לענדער

פאריז, יאנ. 5.

א גאנץ נייע דיפלאמאטישע ווענדונג אין אייראפע, אין וועלכער די סאוויעט רעגירונג שפיעלט די הויפט ראליע, ווערט איצט געשאפען א דאנק די פארהאנדלונגען וועלכע ווערען איצט אנגעפיהרט צווישען דער סאוויעט רעגירונג און די מעהרסטע פון די אייראפעאישע לענדער פאר ספעציעלע אפמאכען לויט וועלכע איין לאנד זאל זיך ניט אריינמישען ווען דאס צווייטע ווערט אריינגעצויגען אין א מלחמה.

די דאזיגע אפמאכען וועלכע זענען באקאנט אלס די „נאן-אגרעשאן פעקטס" ווערען איצט געשלאסען צווישען דער סאוויעט רעגירונג און אזעלכע לענדער ווי פראנקרייך, פוילען, טערקיי, רומעניע, יוגאסלאוויע און א צאהל אנדערע. אזא אפמאך עקזיסטירט שוין פון לאנג צווישען דער סאוויעט-רעגירונג און דייטשלאנד.

עס ווערט פארשטאנען אז ביי דער קומענדער אנטוואפענונגס - קאנפערענץ וועלכע וועט פארקומען אין זשענעווע, וועלען די דאזיגע אפמאכען באשפראכען ווערען. עס קאן זיין אז די דאזיגע פריידענס-מאטטא זאל נאכגעפאלגט ווערען פון א צאהל אנדערע לענדער.

די דאזיגע אפמאכען וועלען אויסגעבען אן איינפלוס צווישען די באלקאנישע לענדער, אויפ׳ן נאהענטען מזרח און איבער גאנץ אייראפע.

לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבען, איז די סאוויעט רעגירונג גרייט צו איינגעבען איהרע פאדערונגען אויף בעסאראביע, אום צו אויסגלייכען זיך מיט רומעניע. פארהאנדלונגען צווישען דער סאוויעט-רעגירונג און בולגאריע ווערען איצט אויך אנגעפיהרט.

אין פאליטישע קרייזען אין אייראפע ווערען די דאזיגע אפמאכען איצט זעהר שטארק דיסקוטירט.

אמעריקע איז ניט צופרידען מיט יאפאנס אנטשולדיגונג וועגען קאונסיל-אינצידענט

וואשינגטאן, יאנ. 5.

טראץ דעם וואס די יאפאנעזישע רעגירונג האט זיך שוין אנטשולדיגט אפיציעל פאר דער אמעריקאנער רעגירונג פאר דעם אנפאל וואס יאפאנעזישע סאלדאטען אין מוקדען האבען געמאכט אויף אמעריקע׳ס קאנסול, סי. ב. טשעמבערליין, פונדעסטוועגען ווערט עס דא פארשטאנען, האט די רעגירונג זיך נאך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דער דאזיגער אנטשולדיגונג, און א ווייטערדיגער פראטעסט אין נאמען פון דער אמעריקאנער רעגירונג וועט אפגעשיקט ווערען צו דער יאפאנעזישער רעגירונג.

מוקדען, מאנדזשוריע, יאנ. 5.

די יאפאנעזישע רעגירונג האט זיך נעכטען שטארק אנטשולדיגט פאר דער אמעריקאנער רעגירונג פאר דעם אינצידענט מיט אמעריקע׳ס קאנסול טשעמבערליין.

די יאפאנעזישע אונטערזוכונג וועגען דעם אינצידענט האט ארויסגעבראכט, אז טשעמבערליין האט מיט זיין האנדלונג פראוואצירט צום אינצידענט, און אז די שולד איז דעריבער אינגאנצע זיינע.

איטאליענער האט דערשטאכען א מאן אין פארלויף פון א קריעג

ניאגרא-פאלס, אנט., יאנ. 5.

דזשיימס סאקקא, אן איטאליענער, 30 יאהר אלט, און א גוט-באקאנטער היגער איינוואוינער, איז ארעסטירט געווארען אין ניאגרא-פאלס ניו יארק, אויף א קלאגע אז ער האט דערשטאכען מיט א שארפען מעסער עדווין א׳ברייען, 35 יאהר אלט, פון ניאגרא-פאלס ניו יארק.

דאס איז פארגעקומען אלס רעזולטאט פון א קריגעריי איבער א שלעכטען טשעק וואס א׳בריין האט אריינגענארט סאקקא׳ן.

א׳בריין וועלכער זשיפעט נאך דערוויל, האט דערקענט סאקקא׳ן אלס דער וועלכער האט איהם געשטאכען.

די נייע טעלעפאן נומערען פון „אידישען זשורנאל" זיינען: עדעלייד 7424 און עדעלייד 7425

אויפ'ן גליטשיגען וועג

א שפאנענדער ראמאן
פון אידישען לעבען
אויף דער זייט ים
געשריבען פון
פארפאסער פון
"אונטערוועלט"

מארק סארדעל

(נאכדרוקען פארבאטען.)

(ווייטערעס קומט)

4

די אוונטען פלעגט סאניע פאר־ברענגען אין פיערמאונט פארק, ביי דער מוזיק, וואס האט אנגעהויבען שפילען אין טאל, ניט ווייט פון טייך. זי האט ניט געהאט דאס נויטיגע געלט צו קויפען א טיקעט און צו קענען זיצען אינוויינינג, גלייך מיט אלע מענשען, אבער נישקשה, פון דרויסען, אויפ'ן בארג, האט זי אויך גאנץ גוט געהערט די מוזיק. זי איז ניט געווען דארט די איינציגע. א סך אנדערע מיידלאך זענען דארט געזעסען. מיט איינינע פון זיי האט זי זיך אפילו באקענט, און עס איז איהר געפעלען דאס, וואס יענע האבען געזאגט, אז דא, אויפ'ן בארג, קלינגט די מוזיק נאך שעהנער ווי אונטען, אין טאל, וואו אלע מענשען זיצען. זי האט אזוי געוואלט, אז דאס זאל טאקע זיין אמת.

אבער א סך מאל איז דאס פארברייננגען אין פארק, ביי דער מוזיק, איהר ניט באקומען. דאס איז געווען אין אזא פאל, ווען זי האט דארט באמערקט עליק'ען דעם בעקער־יונג. וואס האט ער צו טאן ביי דער מוזיק? האט זי זיך געוואונדערט. עס איז ביי איהר אויסגעקומען, אז עס איז א באליידיגונג פאר די מוזיקער וואס אזא פראסטער נפש ווי עליק, דער בעקער־יונג, הערט זייער שפילען. אבער זי האט געוואוסט, אז עליק הערט זיך ניט צו צו זייער שפילען. און אויב ער איז געקומען אין פארק, איז דאס געווען ניט צוליעב קיין אנדער זאך, ווי נאר צוליעב איהר אליין.

איינמאל האט ער זי אנגעיאגט אויפ'ן וועג צום פארק און האט זיך אנגעבאטען צו באגלייטען זי. זי האט זיך געפיהלט זעהר שלעכט פון דעם. אבער זי האט ניט געהאט קיין מוטה איהם אפצוזאגען, און עליק איז שוין דעם גאנצען אוונט ניט אפגעטראטען פון איהר.

ער האט אויסגעקליבען פאר איהר א באקוועמען פלאץ וואס נעהענטער צו דעם נידעריגען פארקען, וואס האט אפגעטיילט דעם דרויסענדיגען עולם פון די מענשען וואס זענען געזעסען אינוויינינג אויף די בענק, און האבען באקוועם געהערט די מוזיק. ער האט זיך אפילו אנגעבאטען צו קויפען איהר א טיקעט, אבער פון אזא זאך האט זי ניט געוואלט הערען אפילו. ניין, האט זי פעסט ביי זיך באשלאסען, גענוג אז זי עסט זיינע בייגעל פון צייט צו צייט, ווען זי קען זיך שוין מעהר ניט שלאגען מיט זיך אליין.

ער האט זיך צוגערוקט נאהענט צו איהר און האט אפילו געפרובט האלטען איהר האנט אין זיינער. אבער זי האט מיט עקעל און מיט שרעק זיך אפגערוקט פון איהם און האט איהרע צוויי קליינע הענטלאך באהאלטען אין דעם דינגעם שארפעל, וואס זי האט געטראגען אויפ'ן האלז. ער האט געפרובט רעדען צו איהר, עפעס איהר דערצעהלען, מיט עפעס זי פאראינטערעסירען, אבער זי האט פארמאכט די אויגען און האט איהם געבעטען צו זיין שטיל, ניט צו שטערען איהר צו הערען די מוזיק.

—

און די מוזיק איז טאקע געווען אזוי אנגענעהם און זיס און האט געגלעט איהר הארץ אזוי ווי מיט א זיידענער האנט. און זי האט פארמאכט די אויגען, האט זי זיך פארגעשטעלט, אז דאס זיצט זי איצט ניט אין פארק, אויפ'ן גרינעם גראז, מיט עליק'ען ביי דער זייט, נאר אז דאס זיצט זי איצט אין קאבארעט "דער רויטער האן", אז דאס הערט זי איצט שפילען דעם בענד פון "רויטען האן". און אז לעבען איהר זיצט ניט קיין אנדערער ווי עדי, דער פיאניסט, מיט זיינע פיינע, צושויבערטע האר און מיט זיינע ליכטיגע, גרויע אויגען, וואס קוקען אויף איהר מיט ליבע און באוואונדערונג... א, ווען דאס וואלט טאקע געווען אזוי... ווען לעבען איהר וואלט טאקע געזעסען עדי, ניט ער, עליק, דער מגשום'דיגער בעקער־יונג.

און אז די מוזיק האט אויפגעהערט שפילען, האט סאניע זיך אויפגעכאפט אזוי ווי פון א טיפען שלאף. זי האט זיך ארומגעקוקט מיט א פארווירטען בליק, אזוי ווי זי וואלט ניט געוואוסט וואו זי געפינט זיך. זי האט געקענט זעהן די מענשען, אינוויינינג, אויף די בייגק. זי האט אפילו געקענט זעהן, פון ווייטענס, א טייל פון די מוזיקער אויף דער אפענער בינע, און די האנט פון דעם דיריגענט, ווי ער האט געמאכט מיט'ן שטעקעל אראפ און ארויף. א, זי וואלט אודאי געוואלט זיצען דארט, אונטען, ניט ווייט פון דער מוזיק, צו קענען זעהן די מוזיקער און הערען דעם קלאנג גלייך ווי ער געהט ארויס פון זייערע אינסטרומענטען. אבער זי האט א שווידער געטאן, ווען זי האט זיך דערמאנט, אז דאס איז געווען עליק, וועלכער האט איהר אנגעבאטען צו קויפען א טיקעט נאהענט צו דער מוזיק. ניין, האט זי ביי זיך געטראכט, שוין בעסער דא, אויפ'ן גראז, איידער דארט, אונטען, אויף עליק'ס טיקעט.

זי האט ניט געקענט פארטראגען זיין אטעם און זי איז געווען צופרידען, וואס דער קאנצערט האט זיך געענדיגט. דער עולם האט אנגעהויבען געהן אהיים און אויך סאניע האט זיך אויפגעהויבען.

עליק, האט איהר אויסגעשטרעקט די האנט, האט איהר געוואלט העלפען זיך אויפצוהויבען. אבער זי האט מיט עקעל זיך אפגעקעהרט פון איהם און האט זיך אליין געגעבען א הויב־אויף מיט אלע אלע כחות. דערנאך האט זי געזאגט אז עס איז שפעט. זי מוז גלייך לויפען אהיים, אבער עליק האט זי ניט אפגעלאזט. זי מוז אריינגעהן עסען אייז־קרים מיט איהם. דערנאך וועט ער זי ארויפזעצען אויף דער קאר און וועט זי אפפיהרען אהיים. סאניע האט דערפיהלט ווי א קאלטער שווייס האט זי באגאסען. אומזיסט האט זי געפרובט זיך ארויסדרעהען פון זיינע הענט. אומזיסט האט זי איהם געזאגט, אז זי האט פיינט אייז קרים, כאטש דאס איז געווען א ליגען. און אומזיסט האט זי געזוכט איהם צו ערקלעהרען, אז עס איז ניט ווייט פון דאנען צו דער גאס וואו זי וואוינט, און אז זי וויל בעסער געהן צופוס, איידער פאהרען מיט דער קאר — אלע איהרע רייד האבען ניט געהאלפען. זי האט געמוזט אריינגעהן מיט איהם אין דעם דערבייאיגען אייז־קרים פארלאר און עסען אויף זיין חשבון א פארציע אייז־קרים. דערנאך האט זי זיך געמוזט לאזען פון איהם פיהרען אהיים, און אויסהערען זיינע גודנע רייד אויפ'ן וועג, און דערנאך, ביי דער טיר, איידער ער האט איהר געזאגט א גוטע נאכט.

— אבער עס איז דאך שוין אזוי שפעט... — האט סאניע איהם אלע מאל דערמאנט — איהר דארפט דאך אויפשטעהן פארטאג.

— ס'מאכט ניט... ס'מאכט ניט... — האט עליק איהר געענטפערט — צוויי שעה שלאף איז מיר אויך גענוג. הלואי ווילט איהר זיצען און פארברייננגען, וואלט איך מיט אייך געזעסען ביז איך וואלט גענדארפט געהן ארבייטען.

— אבער איך מוז זיך אויסשלאפען...
— האט סאניע געפרובט אן אנדער וועג
— און איהר ווילט דאך ניט, אז איך זאל מארגען געהן מיט א קאפווייטאג צו דער ארבייט...

— א, ניין... ניין! — האט עליק אויסגערופען — דאס וויל איך געוויס ניט!...

און ער האט ווידער געדריקט איהר האנט.

פון דאמאלסט אן האט ער זי פארפאלגט יעדען אוונט, ווען זי איז געגאנגען צו די קאנצערטען. א פאר מאל איז איהר געלונגען זיך אויסצודרעהען פון זיינע הענט, דורכדעם וואס זי האט זיך גענעצט אויף אן אנדער פלאץ. אבער עליק האט זי אויסגעפונען ווען דער עולם איז געגאנגען אהיים. צווישען די טויזענטער מענשען האט ער זי איינע, די קליינינקע, דערזעהן און דערקנעט. און באלד איז ער אויסגעוואקסען לעבען איהר מיט זיין פרעהליכען "האלא", און מיט זיין שטענדיגען אנבאט, צו עסען אייז־קרים.

(פארזעצונג)

אלע יאלעס'עס סטארס זענען אפען אין אוונט

נייער סטייל

ניי האליז, נייע דעזיינס און נייער וועג אין בעדרום אויסשטאטונג און א נייער פרייז, אז איהר וועט אייך וואונדערען ווי איז מעגליך צו פארקויפען אזא וואונדערבארען סעט פאר אזא נידעריגען פרייז. מיר האבען זעהר ווייניג פון זיי, טא קומט גלייך היינט אדער שפעטסטענס מארגען אין דער פריה

עכטער וואלנאט

אין א טייערען 2 טאן פיניש, רייך פאלירט און פון גרויסען סייז, באשטעהט דער סעט פון א גרויסען דרעסער, שיפאניער, וועניטי און פול סייז בעט. דאס איז א ווערט, וואס איהר וועט נישט קריגען נאכאמאל, נוצט אויס די געלעגענהייט און שפארט געלט.

$139
לייכטע טערמס

אייוואָרי און גרין ענייםעל קיטשען סעט

6 פיסעס קיטשען סעט

איהר וועט זיין שטאלץ צו האבען אזא סעט. שעהן געפינישט אין אייווארי ענייםעל מיט אן איידעלען שייד פון גרין. דער סעט באשטעהט פון א קיטשען קאבינעט מיט פארצעליי טאפ, פיינעם טיש מיט פארצעליי טאפ און 4 ווינדזאר סטייל טשערס. ספעשעל געפרייזט פאר דעם סייל



$89
לייכטע טערמס

9 פיסעס עכטער וואלנאס דייניגנ רום סעט
א שיינער סעט



פון עכטען וואלנאט. נייעס דעזיין און רייך געפינישט וואס וועט זיין א צירונג אין אייער דיינינג רום. דער סעט באשטעהט פון א בופעט, טשיינא קאבינעט, עקסטענשאן טייבעל, 1 ארם טשער און 5 קליינע טשערס. ספעשעל געפרייזט פאר דעם סייל

ניין פיסעס $139
לייכטע טערמס.

YOLLES FURNITURE Co. Ltd.

4 סטארס 379 קווין סטריט וועסט אפען אין אוונט

געדענקט!

דער נייער טעלעפאן נומער
— פון —
ראטבארטס
דראג סטאר
קארנער דאנדעס און אגוסטא
— איז —
עדילייד
6201
טעלעפאנירט און מיר דעליווערען גלייך.

פארלאנגט

פארלאנגט צו קויפען אלערליי הינטלאך בעסטע פרייזען באצאהלט. טעלעפאן קינגסדייל 7104.
9037-1-8)

יונגע מיידעל זוכט ארבייט אלס קעכין ביי א אידישער פאמיליע, 68 סט. פעטריק סטריט.
9039-1-6)

עקספיריענסד קאטער און גריידער אויף ליידיס סוטס און קאוטס (ענגליש) זוכט א פאזישאן, "זשורנאל" באקס 116.
9040-1-6)

יונגע רוסישע פרוי זוכט הויז ארבייט ביים מאנאט. ערעלייד 1863.
9044-1-6)

העכסטע פרייזען געצאהלט פאר אלערליי הינטלאך. דזשעראַרד 3809.
8983-1-31-3-6-10)

פארלאנגט צו קויפען א לייט מאדעל שעווראליי טראק פאר קעש. עדעלייד 0969, 184 פראנט סטריט איסט.
9043)

דזשיי. וויינער, סטאוו און פארנעסעס געפיקסט. 111 נעסאו סטריט. טעלעפאן טריניטי W 7638.
9059)

א יונגע אונגארישע פרוי זוכט ארבייט ביים טאג אדער מאנאט. שלאפען אין דער היים. 457 דאנדעס וועסט. טעל. וויווערלי 6517, נאך 4 א זייגער.
9060-1-7)

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל־צייט, אדער אודיטען פאר מעסיגע פרייזען.

א. א. גאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט W 7504.

פייפערהענגינג און פיינטינג

פאר בעסערע ארבייט אין פיינטינג און דעקארייטינג, ביליגסטע פרייזען, בעסטע צופרידענהייט, — טעלעפאנירט שארפ און קא. טריניטי 2668 און וויווערלי 7218.
9004-1-7)

קאנגא
מעדיצינען

ליידט איהר פון עקזימא, הויט - קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא - סעוו. ליידט איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גליעדער, רייבט זיך איין מיט קאנגא, לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS. ב'
DRUGGISTS
26 QUEEN ST. EAST
TEL. ELGIN 7512

ליידט איר פון א ברוך?
(ראפטשורד)

א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

צו פארהענטען

צו פארענטען א גוטען סייז סטאר, 85 ביי 26, קאמפליט מיט פיקסטשורס, אין אשאווא, אנטאריא. פרעגען מרס. ענגעל, 76 קינג סטריט, וועסט, אשאווא, אנטאריא. אדער לאיער פייפערניק, טעמפעל בילדינג, טאראנטא.
9051-1-6)

צו פארענטען א 5 רומיגען אפארטמענט, הייסע וואסער באהייצונג, דזשעניטאר סערוויס. הייסע וואסער א גאנץ יאהר, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, 6 גאר סטריט נעבען קאלעדזש און קלינטאן. טריניטי 1073. דזשעניטאר אפארטמענט 2.
9054-1-8-10)

קארנער בעווערלי און גרענדזש, אפארטמענטס צו פארענטען 1 אפארטמענט ,ביליג רענט. פרעגען דזשעניטאר. מענט פון 2 רומס מיט קיטשענעט און 1 אפארטמענט פון 1 רום מיט קיטשענעט.
9057-1-7)

צו פארענטען א שטיקעל ספייז אין דער באלפאר בילדינג, גוט פאר דרעס מאנופעקטשורינג, אדער מענער ארבייט, אדער פאר א פאיער. פרעגען ביי טעלעפאן עלגין 6571.
9042-1-8)

צו פארענטען א 2 רומיגען אפארטמענט מיט אלע קאנוויניענס. מעסיגע רענט. 129 פאלמערסטאן עוו.
9058)

צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז, ראבערט סטריט, הארדוואוד פלארס, אפסטערז און דאונסטערז, מיט א גאראדזש. פרעגען ביי מר. דובינסקי, 308 וועסטען ראוד. מעלראוז 5987.
9050-1-6)

$40. 40 גרייס סטריט, סאליד בריק 8 רומס. אלע מאדערנע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, גא ראדזש. לאיער הערליק. ערעלייד 3138.
689-1-8)

באנקראט סייל

אויסצופארקויפען סילק און וואולענס פון קופערס סילק סטאר, 109 דאנדעס סטריט וועסט.
קומט שנעל און סייפט געלט.
ווי אויך פיקסטשורס צו פארקויפען.
8894-1-8)

פארלוירען

אן אלטע ארימע פרוי האט פארלארען 14 דאלאר אין דעם געגענט קווין לעבען סימקא. דער געפינער וועט ווערען באלוינט. מרס. סאלאמאן, 5 טריסען סט.
9061)

חזן ב. וולאדאווסקי

גיניגיש געשולטער סוירדזשען
מוהל
— איך —
מאדערנע מסרה קדושה
סוירוויסעס אין ענגליש
עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער
קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.
וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
טרימע אומזיסט

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די בילינסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 באי סטריט. טעלעפאן ערלייד 8087 נאך 7 אוונטען טריניטי M 8520

NEW YORK
WINDOW
CLEANING CO.
427 BAY ST

ניעס ביי אונז אין שטאדט

פייער אין רעסטאראן מאכט 1800 דאלאר היזק

א פייער, וואס איז אנטדעקט געווארען נעכטען אין דער פריה אין עקלערס רעסטאראן, 565 בעי סטריט, האט פארשאפט 1800 דאלאר היזק, איידער ער איז ענטגילטיג אויסגעלאשען געווארען.

דאס פייער האט שוין געברענט פאר א לענגערער צייט, ווען ער איז אנטדעקט געווארען. מען דענקט, אז ער האט זיך אנגעפאנגען פון פארנייס, וואס איז אין יענער געביידע נישט אין גאנצען אין ארדנונג.

שווערע חאלצערנע זיילען וואס האבען אונטערגעהאלטען דעם דיל אין רעסטאראן זענען פאלשטענדיג איבערגעברענט געווארען, ווען דאס פייער איז ענדגילטיג איינגעלאשען געווארען.

אינגלאך גנבים האבען טעראריזירט דעם געגענט

שוין עטליכע וואכען צייט, ווי די פאליציי האט זיך געזארגט וועגען קליינינקע גנבה'לאך וואס זענען פארגעקומען אין געגענט פון קיעל סטריט.

אויטאמאבילס פלעגען בא'גנב'עט ווערען. עס זענען פארגעקומען עטליכע איינברעכונגען אין הייזער און סטארס. די זעלבע, ווי עס האט אויסגעזעהן, האבען זיך איינגעבראכען אין א טעאטער און א סקייטינג רינג. אויטאמאבילס פלעגען פארשווינדען פון דעם פלאץ אין גאס, וואו מען האט זיי געלאזען, און שפעטער פלעגט מען זיי געפינען ווייט אוועק אן א טראפען גאזאלין אין זיי.

און די פאליציי האט אויף קיין פשור פון די גנבים נישט געקענט פאלען, ביז זיי האבען זיך באנארישט גנב'ענענדיג קענדים אין א סטאר.

אין רעזולטאט זענען צעהן אינגלאך ארעסטירט געווארען. זיי ווערען געהאלטען פאראנטווארטליך פאר די אלע גנבות.

דאקטאר ארעסטירט פאר שרייבען געהיימניספולען בריעף צו פאציענט

א בריעף, וואס אן איטאליענישער בארבער אויף וויקטאריא סטריט, פאאלא קאסולא האט באקומען האט איהם אזוי איבערגעשראקען, אז ער האט זיך געווענדעט צו דער פאליציי, וואס האט דעם בריעף־שרייבער ארעסטירט.

אין בריעף איז געשטאנען אין איטאליעניש:

"אין נאמען פון די געטליכע פיראמידען, וויל איך, אז דו, פאאלא קאזולא זאלסט באצאלען דיינע חובות, און באזונדערס צו דעם, וואס שרייבט דיר דעם בריעף, ווייל ער נויטיגט זיך זעהר. אויב נישט וועט דיין פאמיליע פארניכטעט ווערען".

און אונטער דעם זענען געווען די געטליכע פיראמידען. זיי באשטעהען פון ווארט "אבראקאדאברא", אונטער וועלכען עס איז אונטערגעשריבען דאס זעלבע ווארט מיט איין אות ווייניגער און אזוי יעדע שורה ביז אין דער אונטערשטער שורה פארבלייבט בלויז "א".

ווען אימיצער אנדערש קריגט אזא בריעף, וואלט יענער זיך אויך דערשראקען. בפרט א בארבער און אן איטאליענער.

די פאליציי האט עס אויך גענומען ערנסט און אויסגעפונען, אז דער בריעף שרייבער איז אן איטאליענישער דאקטאר, ראקא דעל גריינדע, וועלכער האט געהיילט קאסולא'ס פרוי.

ווי די פאליציי זאגט זאל דער דאקטאר זיך האבען מודה געווען אין שרייבען דעם בריעף, ווייל ער האט זיך גענויטיגט אין געלט, און קאסולא האט אים זיין ביל נישט געוואלט באצאלען.

ארבייטער פאלט פון הידרא סלופ צו דער ערד

שטעהענדיג אויף א היידרא סלופ, 35 פוס אין דער הויך, האט טשארלס מעקראבי, פון 43 פיערס עוועניו, פארלארען זיין אנהאלט און איז אראפגעפאלען צו דער ערד.

ער איז אפגעפיהרט געווארען אין דזשענעראל האספיטאל מיט א צובראכענעם היפט ביין און ליידענדיג פון א מארד דערשיטערונג.

דער פאל איז געשעהן אויף קארנער דזשעראלד און קארלאו עוועניו, וואו מעקראבי האט געהאלטען אין פאררינכטען איין בערגעריסענע עלעקטרישע דראטען צוזאמען מיט צוויי אנדערע ארבייטער.

דאקטאר צאהלט 2,500 דאלאר פאר פארגעסענער רער אין וואונד

דזשאסטיס מעקעוואי האט אין אן אורטייל, וואס ער האט נעכטען ארויסגעגעבען אין אסגוד האל, צוגע'פסק'ענט 2,500 דאלאר פארגיטיגונג צו דזשיימס און נעלי טאמפסאן פון האמילטאן, אין דעם פראצעס געגען ר. י. פערי.

דער אנקלאגער האט אנגעשטעלט דעם דאקטאר צו באהאנדלען זיין פרוי אין א קינפעט. עס איז נויטיג געווען, האט דער דאקטאר אויסגעפונען דורכצופירען אן אפעראציע און דער שניט האט זיך נישט געוואלט פארהיילען. געשעהן איז עס אין פעברואר, 1929.

מרס. טאמפסאן האט פארלארען 75 פונט פון איהר וואג. אין סעפטעמבער פון דעם זעלבען יאהר האט דער זעלבער דאקטאר אפערירט מרס. טאמפסאן אויף די לונגען.

דער ריכטער האט אנטשיידעט, אז עס איז נישט באוויזען געווארען, אז די ערשטע אפעראציע איז שולדיג געווען אין דעם אנטוויקעלטען לונגען פעהלער. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז דער דאקטאר האט איבערגעלאזט ביי דער פרוי אין ברוסט א גומענע רער פאר 16 מאנאטען צייט, און דער ריכטער האלט פאר אנטווארטליך דעם דאקטאר דערפאר.

פארברענטע קערפערס טארען ניט מקבר ווערען אין א"י

ירושלים, יאנ. 5, (איטא).

דער הויפט ראבינאט האט נעכטען ארויסגעגעבען א סטייטמענט צו אלע חברה קדישא'ס אין לאנד, אויפפאדערענדיג זיי ניט צו אננעהמען קיין אש (פארברענטע קערפערס) צו מקבר זיין.

וועלש
קוילען

ראדזשערס וועלש קוילען דעליווערים האבען הינטער זיך איבער א האלב יאהרהונדערט פון דאס בעסטע אין באהייצונג סערוויס.

די העכסטע גראד פון וועלש אימפארטעד אין קאנאדע.

The ELIAS ROGERS Company Limited
אלפרעד ראדזשער, פרעזידענט.

איין טאן מיינט 2,000 פונט

THE VERY BEST
ROGERS FUELS

ארדער אפים:
עלגין 0482.

דאס הויז־ווארט פאר טיי
"SALADA"
TEA
„פריש פון די גערטנער"

איז אוועק אין גלות צוליעב דער זינדיגקייט פון דער יוגענט

פארשידענע טיפען זענען דא אויף דער וועלט און אויך זאנדערבארע, אזעלכע וואס זענען זעלטען און ווערען ניט פון אלעמען באמערקט.

וועגען אזא טיפ פון א 17־יעהריגען אמעריקאנער אינגעל ווערט דערצעהלט אין די אמעריקאנער ענגלישע צייטונגען. די פרטים פון זיין לעבען זענען כמעט ווי אומפארשטענדליך אין איצטיגען מאדערנעם לעבען. עס איז דעריבער אינטערעסאנט איבערצוגעבען אין קורצען דעם תמצית.

אין שטעדטעל וויטשיטא, קענזעס, איז דא א גלח אי. מ. סמיט. א פרומער קריסט, א יענקי־טיפ, האט ער א זיהנדעל עדוארד, וועלכער איז אויך רעליגיעז, שוין צו רעליגיעז. קומט עדוארד צום פאטער און רופט זיך אפ בזה הלשון: „טאטע, כ'דענק, אז עס איז ניטא קיין גערעכטיגקייט אויף דער וועלט — ווי קאן א מענש זיין פרום ווען אזוי פיעל שלעכטע איינפלוסען רינגלען איהם ארום? אלזא, האב איך באשלאסען צו וואנדערען איבער דער וועלט און אויסזוכען פאר מיר א פלאץ, וואו כ'זאל ניט זיין אנגעוויזען אויף זינד און פארברעכען".

ווען דער פרומער גלח האט ער דערהערט, האט ער צוגעשטימט צום זוהנ'ס מיינונג. האט ער זיך דען אנדערש געקענט העלפען? היינטיגע קינדער! דער אונטערשיד איז בלויז געווען אין דעם וואס ביי אנדערע קינדער טרעטען זיי ארויס געגען די עלטערן צוליעב דעם וואס זיי ייילען לעבען א גוטען טאג, און דא איז עס געווען אויס פרומקייט...

דא דארף מען אבער ערקלעהרען וואס עס האט פאראורזאכט עדוארד'ס אומצופרידענהייט מיט וויטשיטא.

עדוארד, דער יונגער זוהן פון גלח, האט באטראכט די מיידלאך אין וויטשיטא אלס זינדיגע און אזוי קענען איהם ארונטערפיהרען פון גלייכען וועג. ער האט אויך געזעהן, אז די יוגענט איז זעהר צולאזען. באים פון זיין עלטער רויכערען, טרינקען און שעלטען, רחמנא ליצלן, און דאס איז געגען גאט און געגען דער רעליגיע. הכלל, א זינדיגע וועלט און א צרה'דיגע. האט עדוארד געזאגט דעם פאטער וואס ער טראכט, אבער גלח סמיט האט איהם ניט ערנסט גענומען, ביז איין שעהנעם פריהמארגען האט עדוארד איבערגעלאזט א צעטעלע און איז פארשוואונדען. ער האט ניט געזאגט קיינעם וואוהין ער איז אוועק. מערקווירדיג, אז נאך 2 באים, איינער 14 יאהר אלט און דער צווייטער — 16, זענען צוזאמען מיט איהם פארשוואונדען. די אנדערע 2 האבען זיך אויך ארויסגעלאזט אין גלות צו זוכען א פלאץ, וואו עס זענען ניטא קיינע פלעפערקעס און וואו מען קאן לעבען קריסטליך־פרום.

נאטירליך, דאס גאנצע שטעדטעל איז געגאנגען כאראכאם מיט דעם „רעוואלוציאנער" עדוארד, וועלכער האט מיט זיין פארשווינדען אויפגעהויבען א פראטעסט געגען דער צולאזענקייט פון דער יוגענט, און ערשט נאך זיין פארשווינדען האט זיך דער אמת ארויסגעשטעלט, ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, וואס דער יונגער גלח'שער זוהן איז אזוי אויפגעבראכט געווארען.

ווען די מיידלאך און באים פונ'ם שטעדטעל האבען זיך דערוואוסט, אז עדוארד איז ניט צופרידען מיט זייער אויפפיהרונג, האבען זיי איהם גענומען טאן צו להכעיס. זיי האבען געטאן אלעס מעגליכעס איהם צו דערצארנען. א סך האבען זיך דערנעהנטער צו איהם. עס זענען געווען אזעלכע חוצפה'דיגע מיידלאך, וועלכע האבען זיך איינגעשטעלט עפענטליך איהם צו קושען און האלזען. ווען ער האט זיך געווארפען ווי א שלאנג, און האט פראטעסטירט געגען אזעלכע זינדיגע האנדלונגען.

די דאזיגע האנדלונגען האבען עדוארד'ן דערגאנגען ממש די יאהרען, ער האט ניט געקענט דורכגעהן אין גאס פון שטעדטעל ער זאל ניט באגעגענען עפעס א צו־להכעיס אקט פון די ווייסע חברה־ניקעס. זיין נשמה האט אויפגעשיטערט פון דער מורא באשטראפט צו ווערען אין גהינום פאר זיינע זינד. וויטשיטא איז געווען א קאלב־אוויוען פון רשעים און פארברעכער אין זיינע אויגען, און ער האט באשלאסען, אז ער מוז זיך ווי אמניכסטען ראטעווען פון אפגרונט.

א זאנדערבארע טיפ אין דער היינטיגער צייט, און נאך אין אמעריקע דערצו!

ד. מאלצעוויטש דער שטענדיגער געווינער אין טאראנטא

דזשא מאלצעוויטש, דער גלענצענדער און וואונדערבארער רעסלער פון יוטיקא, וואס באגעגענט מארגען אין אווענט אין דעם הויפט באוט אין דער ארענא דעם איירישמאן פון נעבראסקא, האט אין טאראנטא שוין געהאט אכט אויפטרעטען. 5 פון זיי זיינען געווען הויפט פיטשורס. אין זיי האט ער געוואונען פון פרעדי מייערס, דזשארדזש וואסעל, אל באפערט,

דושא מאלצעוויטש

דזשא דע וויטא און וואיט יואיט. אקראט פינף. אין די דריי סעמי פיינאלס האט ער געוואונען פון דזשארדזש מעקליאד, סאני סטאשעק און קאונט זארינאף.

מארגען באגעגענט ער א קעמפער וואס נעהמט אויף מיט גלייכען חשק יעדען אפאנענט פון וואס פאר א מאן ער זאל ניט זיין.

די סעמי פיינאל און פרעלימינערי זאגען אויך צו צו זיין אינטערעסאנט מיט דעם ליטווינער קארל פאזשעלא און דזשעק וואגנער פון פראווידענס אין ערשטען און דעם נייע־געקומענעם לען מאקלאסא, געוועזענער קאלעדזש פוטבאל העלד, געגען לואיס לאו.

ארום אונזער טעאטער

(פארזעצונג פון פיידוש 5)

גען אין דער לופטען מיט אויסגעשטרעקטע הענט און בעטען ערגעץ, בעטען...

און וואס זאלען טאן מענשען? אויך בעטען? זיי טוען אזוי. אלע בעטען. ווער ביחידות און ווער בציבור, ווער אין רעש און ווער אין שטילקייט, ווער אין געזאנג און ווער אין קאמף. אלע, אלע בעטען און ווילען גערייניגט זיין, ווילען באפרייט זיין, ווילען געהייליגט זיין!

נאר אויב אמאל געהט שוין איבער די מאס. אויב אמאל ווערט דאס געבעט האלז און ווארגט; אויב אין יעדען שטיק בלאנקען שטאל גלאנצט דער ווילען זיך אויפצוהויבען איבער אונזערע שארבענס; גופא א שטיק טרויער און גליווערט אין אויב יעדער פייער־פונק איז אזוי פלינק מיט זיין בשורה וועגען נאהענטע שרפות. אויב "יעדער מענש איז פאר'ן צווייטען — א וואלף", אויב עס געהט שוין איבער די מאס און דאס געבעט גופא איז א שטיק טרויער. ווייל מען צווייפעלט אין די איינגענע הענט, וואס שפרייטען זיך אוים צו א תפלה, טא וואס איז דאן דער אויסוועג?

אויב נישט דער איין און איינציגער: ארוים אין דרויסען און שטעלען זיך פנים אל פנים מיט דער געפאהר. ארוים פון דעם איינגענעם הארץ, ווי פון א שטוב פון וועלכער מען איז אנטלאפען צוליעב א סכנה, וואס שווייגט פאר'עקשנט און קוקט פארביסען צו אונז אין פענסטער. לענגער ווארטען קאן מען ניט! אלזא ארוים צו דעם נעשפענסט און 'אנגעכאפט דעם מת פאר'ן האלז'...

אט אזוי האט אמאל געטאן מיין טאטע, וועלכער וויסט נאך עד היום ניט, אז אין יענער פסח נאכט האט ער געהאט דריי ראלען, אלס דראמאטורג, רעזשיסאר און אקטיאר. פון אן עהרליכען איבערשיטערנדיגען שוישפיעל. און אזוי טוען מיר אלע מיט אונזער נעשפאנטער נייגעריגקייט צום טעאטער.

מיר לעבען כסדר אין אנגסטען, ווארטער, האנדלונגען, טראכטונגען, און שטרעבונגען — אלץ איז פארזיכט. געראנגעל הענגט אין דער לופטען, און מען ציטערט טאמער פאלט עס אראפ לעבען אונז. מען האט מורא טאמער וועלען קומען צייטען און עס וועט קיין עצה ניט זיין. און די טעג וועלען ליגען ווי אין הינהערפלעט. די טעג וועלען קוקען מיט גלעזערנע אויגען אין אונזערע פנימ'ער אריין. אה, מיר ציטערען פאר דעם מאמענט, ווען די מזלות ליגען אויף דער וואג שאל.

נאר ווי לאנג קאן מען אזוי לעבען אין אייביגען פחד? עס ווערט דאך אומערטרעגליך. מיר ווילען ארויס פון דעם קלעם!

טא, וואס טוט מען? מיר פאדערען ארויס דאס לעבען. מיר שטרעקען אויס די ארעמס און ציהען אראפ אויף זיך דעם בליץ. זאל קומען דער סוף! שרייען מיר אויס. זאל געשעהן וואס עס באדארף געשעהן! זאל זיין דער רעזולטאט מיט זיין גאנצער הארטקייט; מיט זיין דינגטער שארפקייט. לאמיר אנקוקען דעם פראדוקט פון טויזענטער מערקווירדינקייטען. מיר ווילען שוין איין מאל פאר אלע מאל זעהען דעם צוזאמענשטויס. יא, דעם אנטגילטיגען צוזאמענשטויס!...

און דעריבער לויפען מיר אין טעאטער...

יע, איך זאג נאך אמאל: אז טעאטער איז דאס אנטלויפען פון דראהונג צו סכנה, כדי זיך צו באפרייען פון דער דראהונג.

די דאזיגע פארמולע איז נאך ניט געווארען אויפגענומען אין קיין שום ענציקלאפעדיע. דערפאר גלוסט זיך מיך זי צו האלטען פאר אן אמת.

יעקב פיכמאן

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

וועלכע צייכנען זיך אויס מיט יראת הכבוד צום קריטיקירען, האט פיכמאן געווידמעט מאפו'ן. ער שילדערט פאר אונז מאפו'ס התגלות ווי די אנטפלעקונג פון א ל"ו'ניק אין וועלכען עס קומט צום אויסדרוק א דורות־לאנגע פארבארגענע שאפונגס־קראפט.

מאפו איז ארויסגעטרעטען ווען די אידעאלען פון דער השכלה זענען נאך געווען אין זייער רעכטען גלאנץ, אלץ איז נאך דאמאלסט געווען קלאהר און בולט, איינפאך און פשוט. אלץ איז געווען איינגעטיילט אין 2 מחנות: דאס קלוגע, נוצליכע און שעהנע האט גערוהט אונטער די פליגלען פון דער השכלה, אין די געצעלטען פון בילדונג. דאס שעדליכע האט געקענט דארט ביי די „מורדי אור". דאס השכלה'דיגע הארץ זיינס האט זיך געזוכט ארויסצורייסען פון דער פינסטערניש, פון דעם גלות, און איינלעבען אין דעם גייסט פון די פארצייטיגע אידישע נביאים, און עס גיט זיך איהם איין צו שאפען די זעלטענע ווערק „אהבת ציון" און „אשמת שומרון". אין וועלכע ער שילדערט מיט אן אונגעהויערע קינסטלערישע קראפט דאס לעבען פון פאלק אין פארגאנגענע צייטען, וואס איז פול מיט יוגענט־קראפט און יוגענט־צויבער. ער האט פון די טיפענישען פונ'ם אלטען אידישען לעבען ארויסגעשעפט פאר אונז גאנצע קוואלען פון לעבענס־ענערגיע, גאנצע אוצרות פון שעהנקייט. „זיין פאעזיע" — זאגט פיכמאן — איז די ערשטע אין אונזער ליטעראטור, וועלכע ריהרט אונז מיט איהר ריינקייט און נאאיוויטעט. די אידילישע קאפיטלען פון „אהבת ציון" און „אשמת שומרון" זענען נאך ביז היינט ניט פארעלטערט געווארען און וועלען נאך פאר יאהרען און דורות פארבלייבען די צירונג פון דער העברייאישער ליטעראטור, און כל־זמן די פאעזיע פון דער ביבעל וועט אונז זיין ליעב און טייער, וועלען די צוויי דאזיגע ביכער מאפו'ס דינען אלס פירוש צו דער ביבעל, אלס איהר נאטירליכער השלמה, ווארים מיר פארמאגען עד־היום ניט אין דער העברייאישער ליטעראטור ביכער וועלכע זאלען זיין אין אזא מאס דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון תנ"ך ווי די צוויי ביכער, וואס זענען די הערליכע פלאנצונגען, וואס זענען פון תנ"ך ארויסגעוואקסען".

אזוי ווי א זיסער שאטען האט אונז מאפו'ס פאעזיע באגלייט אין אונזערע קינדער יאהרען, ווען דאס לעבען אין גלות איז געווען אזוי טרוקען און אהן א שום חן, אבער דער שניי־ווייסער חלום וועגען דעם לעבען פון די עהרליכע אויף דעם בארג לבנון, וועט אויך זיין מיט אונז ווען מיר וועלען פארמאטערט ווערען אין אונזערע לאנגע וואנדערונגען, און דערזעלבער זיסער שאטען וועט צו אונז ווינקען פון דער ווייטענס אלע טעג פון אונזער לעבען.

א אידישער אלדערמאן דערוועהלט אין סט. קעטרינס, אנט.

פרייטאג דעם 1־טען יאנואר זענען פארגעקומען ביי אונז אין סט. קעטרינס די מוניציפאלע וואהלען און צווישען די

א. י. ניומאן

אנדערע איז אויך דערוועהלט געווארען א אידישער אלדערמאן מיט'ן נאמען אברהם יצחק ניומאן. דאס איז דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון אונזער שטעדטעל, וואו עס געפינט זיך א באפעלקערונג פון דרייסיג טויזענט, צווישען וועלכע עס געפינען זיך זעכציג אידישע פאמיליעס, אז א אידישער אלדערמאן זאל ערוועהלט ווערען. די גאנצע אידישע באפעלקערונג איז שטארק צופרידען.

צווישען די ניין ערוועהלטע, איז ער געווען דער פערטער.

מר. אברהם־יצחק ניומאן, איז א פעהיגער ביזנעסמאן, ער איז געקומען קיין קאנאדע צוריק מיט דריי און צוואנציג יאהר פון דער שטעדטעל פאריטש, מינסקער גובערניע, באברויסקער אויעזד. ער איז 46 יאהר אלט.

ריאט צווישען ווייס־רוסען און כינעזער

טאקיא, יאנ. 4.

א באריכט וועלכער איז דא דערהאלטען געווארען פון כארבין גיט איבער, אז אמווייניגסטען 12 ווייס־רוסען זענען דערמארדעט געווארען און א צאהל אנדערע זענען פארוואונדעט געווארען אין א געשלעג וועלכע האט דארטען אויסגעבראכען צווישען כינעזער און ווייס־רוסען.

ארויסגעקומען איז עס, ווען א ווייס־רוסישער אינגעל האט גע'גנב'עט א שטיקעל קעיק אין א כינעזישער סטאר. דער אייגענטימער האט געכאפט דעם אינגעל ביי דער האנט און האט דעם אינגעל אזוי לאנג געשלאגען ביז יענער איז אוועקגעפאלען טוט. דאס האט שטארק אויפגערייצט די עלטערע פונ'ם אינגעל, און צוזאמען מיט נאך א סך ווייס־רוסען זענען זיי באפאלען דעם כינעזער'ס סטאר.

כינעזישע פאליציי איז אנגעקומען און האט געזוכט צו פארטרייבען דעם עולם, אבער אזוי ווי דאס האט ניט געהאלפען האט די פאליציי געשאסען און געטויט 12 און פיעלע פארוואונדעט. דערווייל איז די שטימונג אין שטאדט זעהר א געדריקטע.

זייט געטרייסט
מיר, אלע מעמבערס פון
רוסישער שוהל
דריקען אוים דעם טיעפסטען מיטגעפיהל צו דער משפחה
געלער
פון 295 יוקליד עוועניו
אין דעם גרויסען פארלוסט פון זייער פאטער און מאן
ה' יעקב געלער ע"ה
זייט געטרייסט און איהר זאלט מעהר פון קיין צער ניט וויסען.
פרעזידענט און גבאים.
און אלע מעמבערס.

חפצ'ס
שפייז פעקלאך
קיין רוסלאנד
דעליווערט ווי פריהער אן דיוטי. 100% גאראנטירט
די באריכטען וועגען אפשטעלען דאס שיקען פעקלאך איז ניט ריכטיג. אויסוואל פון פרישע שפייז, אויך זייף. פעקלאך צוגעשטעלט אין 25 טעג. אן אונטערשריפט פאר יעדען פעקעל. מיר שיקען אויך דאלארס און טארגסין ארדערס קיין רוסלאנד. טעלעגראפיש בלויז 25 סענט.
חפצ'ס שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971
שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

אונטערזוכט אייערע אויגען. און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט. וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א
אפטאמעטריסט
און אפטישען
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינא)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
Dr. Henry Harris
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. near Spadina
Open until 9 p. m.

אדווערטייזט
אין
„זשורנאל"

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט
באזונדערע פלעצער פאר
- מילכיגס און פליישיגס -
די אמת'ע כשרה סיסטעם
עקזיסטירט זינט 1908.
275־273 ספעדיינע עוועניו. טעלעפאן טריניטי 0444.

ווינטער קומט אן
באפרייט זיך פון שקלאפעריי פון פויערנעס און אש. ארדערט גלייך דעם בארימטען
וועלש
בלאוער
אויטאמאטיש קאנטראלירטע וואַרימקייט, קיין אש, שפארט געלט אויף קוילען. דער "וועלש בלאוער" טראגט א גאראנטי פאר פולשטענדיגער צופרידענהייט און פרייע סערוויס פון דער
Welsh Blower & Stoker
COMPANY
BANK OF NOVA SCOTIA Bldg.
Dundas & Spadina
WAverly 7247
פאר פרייער אינפארמאציע און ראיעלער באהאנדלונג רופט אפ אונזער אידישען סיילס־מענעדזשער:
איב. ווהייט, וויווערלי 7247
דער "וועלש בלאוער" צאלט פאר זיך אליין

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST Telephones: ADelaide 7424-7425
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto, January 22nd, 1913.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

אינדיע, א פייער שפייענדער בארג

ווידער שיסט מיט פייערדיגער לאווע פון דעם פייער־שפייענדען בארג וועלכער רופט זיך אינדיע. עטליכע חדשים איז שטיל געווען. דער נאציאנאלער קאנגרעס איז געגאנגען צום "רונדען טיש" קאנפערענץ אין לאנדאן. און ווידער גיסט זיך בלוט אין "פרידליכער מלחמה", וועלכע די גאנדיסטען פירען אין אינדיע.

עס איז ניט וויכטיג זיך צו גריבלען אין איינצעלהייטען וועגען דעם וואס די נאציאנאליסטען פאדערען און וואס ענגלאנד איז גרייט צו געבען אינדיע.

ניט וויכטיג זענען די דעטאלען. וויכטיג איז, אז דער פרידליכער ווידערשטאנד אלס קאמפ'ס מיטעל האט זיך פארוואנדעלט אין מער ווי עקסטרימיטעט.

עס איז כמעט זיכער געווען, אז גאנדי און זיינע נאכפאלגער וועלען זיך צופרידענשטעלען מיט רעפארמען. די ענגלישע רעגיערונג איז ביי זיך זיכער געווען, אז אויב מען זאל אינדיע געבען ביז א געוויסען גראד זעלבסט־פארוואלטונג און א לעגיסלאטור, וועט דער קאמף איינגעשטילט ווערען און אינדיע וועט זיך בארוהיגען.

ווי עס זעהט אבער אויס האבען די קאמף־כוואליעס איבערשטיגען גאנדי'ס קאפ. ניט ווייניגער ווי פאלשטענדיגע אונאבהייניגקייט וועט ניט צופרידענשטעלען אינדיע. און ערשט דאן איז דאך פאראן די גרויסע געפאר פון א בלוטיגען בירגער־קריעג.

אין דעם פאל איז אינדיע נאך מער צושפליטערט ווי כינא. כינא האט געליטען און ליידט נאך יעצט פון דעם, וואס כמעט יעדע פראווינץ האט איר "מלחמה קעניג". א גענעראל שטעלט צוזאמען אן ארמיי פון הונגעריגע כינעזער. און אזעלכע זענען צווישען די 400 מיליאן לרוב. און קעניגט, פירט מלחמות, דיקטירט און פירט א מלוכה.

צו דעם דארף מען אבער האבען געלט. מען דארף שפייזען די סאלדאטען, און אזוי שנעל ווי דער "מלחמה קעניג" קען ניט צאלען, בלייבט ער אן אן ארמיי און די סאלדאטען געהען אריבער צום צווייטען צד.

אביסעל אנדערש איז אין אינדיע. אויך דא איז פאראן דער מענשען מאטעריאל. די קאמפ'ס מעטאדען זענען אבער אנדערע.

אין אינדיע זענען די מענשען צוטיילט אין קלאסען, א זאך וועלכע איז שווער אויסצוואורצלען. און א זאך איבער וועלכעס מען איז גרייט בלוט צו פארגיסען. די רעליגיעזע צוטיילונג איז אויך א שטארק אנגעווייטאגטע, און פאלשטענדיגע אונאבהענגיגקייט וועט זיכער ארויסרופען א קאמף מצד די מיליאנען מוסולמאנער, וועלכע זענען אין געפאר צו פארלירען זייער אונאבהייניגקייט אין אן אונאבהייניגען אינדיע.

די דאזיגע געפארען, וועלכע לויערען אויף אינדיע זענען פונקט אזוי גרויס ווי דער יעצטיגער קאמף געגען ענגלאנד'ס ממשלה.

ווי עס איז אבער צו זעהן פון דעם, וואס אין אינדיע קומט פאר זייט נאך דער לאנדאנער קאנפערענץ, איז קלאר, אז דער קאמף איז ווייט אריבערגעשטיגען די פיהרער. דאס פאלק איז שוין אין קאמף, מיט גאנדי'ן אדער אן גאנדי'ן, מיט דעם פיהרער אדער מיט א צווייטען, מעסיגע אדער עקסטרימע מעטאדען. דער פייער שפייענדער בארג האט זיך צושפילט, ווארפט מיט מענשליכער לאווע. עס איז שוין מער ניט קיין פרידליכער ווידערשטאנד־קאמף, עס איז רעוואלוציע.

עס איז שווער פאראויסצוזאגען מיט וואס דער דאזיגער קאמף וועט זיך ענדיגען.

וועט אים די אידישע טאראנטא פארגעסען?

א. ל. לעווינסקי איז געשטארבען לעצטען זונטאג. די אידישע טאראנטא האט אים אויף א געהעריגען אופן מספיד געווען. האט אים געמאכט א שעהנע לויה. טויזענטער זענען געקומען צו דער לויה און דעם אלטען כלל־טוער באגלייט צו זיין אייביגער רוה.

די אידישע טאראנטא האט אויף א שעהנעם אופן אפגעגעבען דעם לעצטען כבוד דעם פארשטארבענעם פילאנטראפ און כלל־טוער. וואס נאך טוט, אדער האט בדעה צו טאן, די אידישע טאראנטא, צו פאראייביגען דעם נאמען פון דעם פארשטארבענעם אידעאלען פיאנער?

עס איז אמת, אז א. ל. לעווינסקי האט זיך אליין ביי זיין לעבען א סך מצבות געשטעלט. עס איז דאך אין טאראנטא ניטא קיין איין וויכטיגע אידישע אינסטיטוציע, מיט וועלכער דעם פארשטארבענעמ'ס נאמען זאל ניט זיין איינג פארבונדען. עס איז געווען זיין ענערגיע, זיין אידעאלע ארבייט, וועלכע האט דאס געטאן.

אבער דאס וויסען דאך בלויז די, וועלכע זענען אין זיין דור געווען, האבען געלעבט מיט אים. האבען געלעבט אין זיין צייט און האבען געוואוסט וואס ער טוט.

וויסען עס דאך בלויז די, וועלכע האבען געהאט די געלעגענהייט צו זעהן ווי אזוי דער פארשטארבענער לעווינסקי האט תלמוד תורות געבויט, האט שוהלען און ארגאניזאציעס געגרינדעט. בלויז געצעהלטע געדענקען ווען ער איז אלס פילאנטראפ געווען דער טאן־געבער. די וועלכע האבען געלעבט מיט'ן פארשטארבענעם אין די לעצטע יארען פון זיין לעבען, וויסען דאך עס ניט.

וואס איז די אידישע טאראנטא גרייט צו טאן, אז די קומענדע דורות פון דער אידישער טאראנטא זאלען וויסען ווער לעווינסקי, דער פיאנער, איז געווען?

"דער אידישער זשורנאל", אויסדריקענדיג די עפענטליכע אידישע מיינונג, לייגט דערמיט פאר אז א פאסיגער דענקמאל זאל געשטעלט ווערען דעם טאראנטאר אידישען פיאנער, א. ל. לעווינסקי.

מאכענדיג דעם פארשלאג פילען מיר, אז דאס וועט געפינען אן אפקלאנג אין די הערצער פון אלע טאראנטאר אידען.

דער פארשטארבענער, ווי געזאגט, איז געווען פארבונדען מיט אלע אידישע אינסטיטוציעס פון שטאדט, איבערהויפט איז ער טעטיג געווען אויפ'ן געביט פון גרינדען און בויען תלמוד תורות. אונצעהליגע פאסיגע דענקמאלען קענען פארגעלייגט ווערען צו פאראייביגען דעם פארשטארבענעמ'ס אנדענקען לדורות.

אויב די גאנצע אידישע טאראנטא האט ניט גענוי אפגעשאצט דעם פארשטארבענעמ'ס ארבייט ביים לעבען, זאל עס כאטש געטאן ווערען נאך זיין טויט. זאל ער כאטש דינען אלס ביישפיעל פאר די קומענדע דורות.

זאלען די אינסטיטוציעס און יחידים, וועלכע האבען באמת אפגעשאצט דעם פארשטארבענעמ'ס ארבייט, גרינדען א קאמיטעט, וועלכער זאל זיך פארנעמען מיט עטאבלירען א פאסיגען דענקמאל אויפ'ן נאמען פון א. ל. לעווינסקי.

דאס דארף זיין א דענקמאל פון פאלק און ניט פון יחידים, ווייל דער פארשטארבענער האט געארבייט פאר'ן פאלק. "דער אידישער זשורנאל" פון זיין זייט וועט טאן אלעס מעגליכעס צו העלפען אין דער ארבייט.

צוויי „איזמען"

(טעגליכע שמועסען)

פון יצחקי

וואו נעהמט מען ערגעץ היינט יענעם גרויסען חכם וועלכער האט אונז געלערנט אז א מענש לעבט אפ זיין לעבען און שטארבט א טפש.

כדי צו דערגרונטעווען זיך צו דער דאזיגער פילאזאפיע האט יענער חכם געמוזט זיין איינס פון די צוויי — אדער גאר א גרויסער מענשען־קענער און א חכם שבעבכאם, אדער ער האט אליין געמוזט זיין א גרויסער טפש.

וועט איהר דאך פרעגען: סטייטש, היתכן, ווי איז דען מעגליך צו זיין א חכם און א טפש אין איין־און־דער זעלבער צייט?

וועל איך אייך דארויף אונטערטראגען יענעם בארימטען ענטפער: —

איהר זעהט דאך אז עס איז יא מעגליך...

* * *

איהר וויסט די מעשה וועגען דעם בארימטען "איהר זעהט דאך?" עס איז א שעהן מעשה'לע און איהר מעגט עס וויסען.

זענען געזעסען אמאל צוויי אידישע בטלנים לעבען דער ווארימער רובע אין שמעדריש (בית המדרש) און האבען געשמועסט פאליטיק.

דערצעהלט איינער דעם אנדערען, אז ווען נאפאלעאן איז אמאל אריינגעקומען מיט זיין גאנצען חייל קיין מאסקווע, איז פלוצלונג געווארען שרעקליך קאלט און דאס חייל האט ניט געוואוסט וואו צו באהאלטען זיך פון דעם קעלט. ביז זיי זענען ענדליך געפאלען אויף אן המצאה און האבען זיך אלע באהאלטען אין בית המדרש צווישען די שמות.

— אזוי גאר, — וואונדערט זיך דער צווייטער בטלן, — ווי האבען זיי דען געקענט אריינשטופען זיך אלע אין בית המדרש?

— נו, זעהסט דאך אז יא, ענטפערט דער אנדערער מיט אזא גלייכגילטיגען טאן, פונקט ווי עס וואלט גאר ניט געווען איבער וואס צו חדוש'ען זיך.

אט דאס איז דאס מעשה'לע און אויב איהר ווילט קאנט איהר דערפון ציהען א מוסר־השכל מיט נאך עפעס.

* * *

הכלל צו אונזער היינטיגען ענין האט עס קיין שייכות ניט. איך האב אייך דערצעהלט דאס מעשה'לע, כדי עס זאל אייך דינען אלס א תירוץ אויף מיין פראגע, ווי אזוי עס איז מעגליך צו זיין א חכם און א טפש אין דער זעלבער צייט.

האט יענער חכם אונז געלערנט. הייסט עס, אז א מענש לעבט אפ זיין גאנץ לעבען, און לסוף שטארבט ער א נאר.

זעהר ריכטיג! גאלדענע ווערטער זענען עס. ער איז גערעכט געווען יענער חכם.

איך זעה טאקע, אז וואס מעהר מען לעבט, אלץ מעהר דערוויסט מען זיך דאס מען האט פריהער ווייניג געוואוסט.

געווען אמאל א צייט ווען מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז אינ'ם ענין פון אנטיסעמיטיזם בין איך שוין א שטיקעל בקי (באקי). איך האב, למשל, געוואוסט אז אנטיסעמיטיזם איז א מיאוס'ע זאך, וועלכעס געהט געוועהנליך האנט־אין־האנט מיט אנדערע מיאוסע זאכען, ווי שאוויניזם, כוליגאניזם, און פאשיזם. איך האב געוואוסט, אז מיט ליבעראליזם און דעמאקראטיזם געהט ניט דער אנטיסעמיטיזם.

האב איך אבער א טעות געמאכט, און איך קלאפ זיך איצט "חטאתי" פאר דעם בילדונגס־מיניסטער פון איטאליען, דער פאשיסט זשוליאנא, פאר מיין פריהערדיגען טעות.

דער דאזיגער הער זשוליאנא האט, מיט עטליכע טעג צוריק געהאלטען א רעדע אין מילאן, איטאליע, ביי וועלכער עס איז אויך אנוועזענד געווען היטלער'ס א פארטרעטער פון מינכען, און ער האט אזוי געזאגט.

"פאשיזם איז פונקט אזוי געגען אנטיסעמיטיזם ווי געגען אלע אנדערע אלט־פרענקישע אידעען. פאשיזם באקעמפט אנטיסעמיטיזם".

דאס איז, אלזא, א נייע טעאריע וועגען דעם אנטיסעמיטיזם — א טעאריע וועלכע איז אויפגעדעקט געווארען פון אן אמת'דיג איבערגעגעבענעם, הונדערט פראצענטיגען פאשיסט.

אויב מיר זאלען אננעהמען די דאזיגע טעאריע מוזען מיר בטל מאכען די פריהערדיגע, וועלכע האט דוקא יא צונויפגעפארט פאשיזם מיט אנטיסעמיטיזם. לויט דער אלטער טעאריע געהען די דאזיגע צוויי "איזמען" דוקא יא האנט אין האנט. נאך מעהר, זיי "דרוזשעווען" אפילו איינס מיט דאס אנדערע זעהר הארמאניש.

און מיר וואלטען מיט פארגעניגען אויפגעבען די אלטע טעאריע ווען אונז זאל ניט שטעהן אין וועג "פאניע" היטלער.

עפעס האט ער דאך, דוכט זיך אויך א שטיקעל שייכות מיט'ן פאשיזם. פונדעסטוועגען הערט מען ניט, ער זאל באקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם.

וועמענס טעאריע איז, אלזא, אויסגעהאלטען: — היטלער'ס אדער זשוויאנא'ס?

הפנים אז היטלער'ס איז אויסגעהאלטען, ווארים זיינע איז א שלאגענדע טעאריע...

אקטועלע אידישע פראגען אין דער טשעכאסלאוואקאי

אינטערוויו פון וויענער 'איטא' פארטרעטער מיט'ן אידישען פארלאמענט דעפוטאט דר. יוליוס רייס.

די אלגעמיינע אידישע לאגע אין דער טשעכאסלאוואקישער רעפובליק באצייכענט דער אידישער דעפוטאט דר. יוליוס רייס אלס א שטילע אינזעל אין פארהעלטעניש צו דעם אנטיסעמיטישען שטורם אין די ארומיגע לענדער פון מיטעל און מזרח אייראפא. דער רוב פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער רעפובליק (די גאנצע אידישע באפעלקערונג באטרעפט 380 טויזענט) איז ארגאניזירט אין אייגענע פאליטישע ארגאניזאציעס און די אידען גענוסען אלע פאליטישע רעכט אלס בירגער. אויך דער פראבלעם פון די אידישע שטאאטענלאזע — בערך צעהן ביז פופצעהן טויזענט נפשות — וועט מיט דער צייט ווערען גערעגעלט. עס קומט אצינד אין דעם פרט א ליבעראלע אדמיניסטראטיווע באהאנדלונג. די אידישע דעפוטאטען האבען לעצטענס צוזאמען מיט די סאציאליסטען אריינגעבראכט א נייעם געזעץ־פראיעקט אין פארלאמענט: ווער עס וואוינט שוין 20 יאהר באשטענדיג אויפ'ן טעריטאריום פון דער איצטיגער רעפובליק, זאל אויטאמאטיש באקומען די מלוכה־בירגערשאפט. ווער עס וואוינט דא תמיד זינט 5 יאהר זאל האבען דאס רעכט אויף דער בירגערשאפט.

די פארלאמענטארישע קאמיסיעס באהאנדלען שוין דעם פראיעקט און עס איז פאראן גוטע האפנונג אז ביז מערץ־אפריל וועט דאס געזעץ אנגענומען ווערען.

וועניגער גוט איז די אידיש עקאנאמישע לאגע, בפרט אין די דערפער און קליינע שטעדטלאך אין מזרח פראווינצען פון דער רעפובליק: סלאוואקיי און קארפאטארוסינסקא. אין דאזיגען דארפישען און פראווינציעלען ישוב לעבען בערך הונדערט טויזענט אידען, דערפון א העלפט אין רוסינסקא־קארפאטען. דער אלגעמיינער עקאנאמישער קריזיס און די זעהר שלעכטע אגרארישע לאגע פון דער פויערישער באפעלקערונג טרייבט ארויס פילע אידען פון דארף אין שטאדט אריין.

אויך די טשעכישע און סלאוואקישע קאאפעראטיווען מיט נאציאנאליסטישע עלעמענטען נעהמען אוועק דעם איד דאס ברויט פון דער האנד. דארום געהט א שטענדיגע וואנדערונג פון די דערפער און פון די קליינע ישובים אין די שטעדט, וואו די אידישע לאגע ווערט אויך כסדר שווערער מכח פרנסה. ווייל די אידען פיהלען דעם קריזיס טאפעל אויף אלס העכסטע שטייערצאהלער און אלס גרעסערע באדערפערס אויך אין קולטורעלער באציהונג.

אין גאנץ אייראפא איז ניטא אזא שרעקליכע נויט און עלענד ווי אין רוסינסקא. דער שטאאט און די אידישע געזעלשאפט וועלען מוזען ברענגען אהער ברייטערע הילף.

דער אמעריקאנער דזשאינט האט פיעל געהאלפען דורך די לעצטע 13 יאהר, אבער אצינד ציהט זיך אויך דער דזשאינט כסדר מעהר צוריק פון דאנען און די נויט פארשארפט זיך פון טאג צו טאג.

אין די מערב פראווינצען איז די פרנסה לאגע ביי די אידען אויך שווער געווארען, אבער ווייט ניט אזוי שלעכט ווי אין מזרח־געביעט פון דער רעפובליק. דער דארפישער אידישער ישוב ווערט אויך אין מערב כסדר שוואכער און קלענער.

די אידישע באפעלקערונג טראגט אויף זיך זעהר א שווערע משא פון אויסגאבען און אייגענע סאציאלע באדערפענישען פאר שוהלען, שפיטעלער און סאציאלער הילף, פאר וועלכע די מלוכה קאסע פון דער רעפובליק איז יוצא מיט גאנץ מינימאלע סובווענציעס.

דער שטאאטליכער ביישטייער פאר די אלע געוואלדיגע אידישע הוצאות מאכט ניט אויס אפילו קיין 10 פראצענט פון די געוואלדיגע געלדער, וואס די אידישע באפעלקערונג מוז אויסברענגען צווישען זיך אליין.

אין בראטיסלאווא אליין למשל קאסטען די דאזיגע באדערפענישען די אידען בערך 6 מיליאן טשעכישע קראנען, בעת דער סך הכל פון די שטאאטליכע סובווענציעס פאר דער גאנצער אידישער באפעלקערונג אין דער רעפובליק באטרעפט ניט קיין גאנצע מיליאן קראנען. בכלל ווערען די אידען באהאנדלט שטיפמוטערליך אין דער קאנגרוא (מלוכה שטיצע פאר רבנים), ביים ערציהונגס בודזשעט און אין דער סאציאלער פירזארגע. אויף דעם געביעט וועט מען מוזען ארויסקעמפען ביי דער רעגיערונג און ביי די רעגיערונגס פארטייען גרעסערע קאנצעסיעס פאר די באדערפענישען און די קהלות.

בנוגע דעם מיאוס'ען עלילת־דם־פראצעס אין וועלקיע בערעזינא, מיינט דעפוטאט דר. רייס, אז עס וואלט געווען ניט שווער פועל'ן ביי דער רעגיערונג, דער געריכטליכער משפט זאל אונטערדריקט ווערען דורך א העכערען באפעהל. אבער דוקא די אידישע באפעלקערונג און איהרע פארלאמענטארישע פארטרעטער ווילען ניט אזא פארענפעלטען סוף פון דעם נארישען בלבול. די אידען האבען אן אבסאלוטען אינטערעס, דער בלבול זאל פלאצען אין אן ארענטליכען געריכט ביי פולע עפענטליכע פארהאנדלונגען. דער איצטיגער יוסטיץ־מיניסטער איז א סאציאלדעמאקראט און אליין א איד דערצו. גראד אלס איד היט ער זיך מיט רעכט, מען זאל ניט זאגען, אז ער מישט זיך ווי עס איז אריין אין אזא משפט. די יוסטיץ איז פריי און ניט אבהענגיג פון דער רעגיערונג.

אויב דער יוסטיץ מיניסטער אדער נאך א העכערער שררה זאל געבען די מינדעסטע אנווייזונג דעם מלוכה פראקוראר, דאן וועט מען פון אנטיסעמיטישער זייט באהויפטען, אז אין דעם בלבול איז דאך עפעס געווען א פסול אויף אידען. דארום לאזט מען דעם געריכט און דעם שטאאטס־אנוואלט פון פראצעס אפילו שוין צופיעל פרייע האנד, ציהענדיג דעם נארישען משפט שוין באלד צוויי יאהר. אין דעם לאנגען פארשלעפען ליגט אויך רשעות. אויב דאס געריכט וועט ניט אליין טראכטען קומען צו א סוף, דאן וועט די רעגיערונג געוויס זאגען דעם מלוכה פראקוראר, אז א יעדער משפט מוז אמאל האבען אן עק, ווייל אפילו גרעסערע משפטים האבען זיך ניט געצויגען יאהרענלאנג דורך איין אינסטאנציע. די אידישע פארלאמענט דעפוטאטען ווילען ניט דערלאזען, אז געוויסע בעאמטען, וואס האבען זיך באנארישט און קאמפראמאטירט מיט'ן אויפהויבען אזא אומגעלומפערטען בלבול, זאלען אצינד כסדר פארשלעפען דעם סוף פון פראצעס, כדי אויסהיטען זיך ווי לאנג מעגליך פון דער מפלה, וואס ווארט אויף זיי, ווען דאס געריכט וועט אויסגעפינען אז די גאנצע אנקלאגע איז געווען "ניט געשטויגען און ניט געפלויגען".

אבער שוין אין ביז איצטיגען פארלויף פון פראצעס, איז באוויזען, וואס פאר א נארישע געפלאפערי די ביידע קריסטליכע קינדער האבען אנגעליגנערט. איין קינד האט פאקטיש צופעליג זיך פארשטאכען די האנד מיט א שטיקעל גלאז ביים שפיעלען אבער דאס אנדערע האט זיך מוטוויליג — אפשר אויף איימיצענס אנרעדעניש פארריצט די האנד מיט א נאגעל. אז מען האט עס קוים באמערקט און דערפון האט א זשאנדאר געמאכט דעם אנטיסעמיטישען בלבול. דערפון האט א שטאאטסאנוואלט געמאכט אן אנקלאגע געגען עטליכע אידען. אבער אפילו דער פראקוראר האט זיך געהאלטען פארזיכטיג.

זיין אנקלאגע הייסט "לייכטע קערפערליכע פארלעצונג", רעדט אויך ניט פון קיין אידישער כונה דערצו. באהויפטעט אבער אז די אידען האבען אנגעבאטען געלד די קינדער, זיי זאלען זיי געבען ריטואל בלוט...

נו, מען וועט דאך האפענטליך דערלעבען דעם פסק פון געריכט און די וועלט וועט ווידער זעהן, מיט וואס פאר נארישע מיטלען די אנטיסעמיטען ארבייטען אקעגען אידען.

אויך דער אנטיסעמיטישער אויסברוך אויף עטליכע הויכשולען איז שיעור געפעהרליך געווארען. אין בראטיסלאווא האט מען שוין פרובירט אגיטירען נומערוס קלאזוס געגען אידען, אבער די סכנה איז דערשטיקט געווארען טאקי אין אנהויב. דער בילדונגס־מיניסטער, די אוניווערזיטעט באהערדען און אנדערע מלוכה בעאמטע האבען אויף גיך אפגעווינקט דעם פרישען שטורם.

פון אלע הויכע שטעלען האט מען ערקלעהרט דער נאציאנאליסטישער סטודענטענשאפט, אז די גאנצע אנטיסעמיטישע באוועגונג איז געגען די אינטערעסען פון דער טשעכאסלאוואקישער רעפובליק. האפענטליך וועט עס אויך אזוי בלייבען אויף ווייטער. בעסער האט ניט קיין שיעור.

דער אידישער דעפוטאט האט אויך אויסגעדריקט זעהר אן אפטימיסטישע מיינונג בנוגע דער אנטשיידונג פון אויבערשטען פראגער טריבונאל איבערן פאל הארק, וועלכער האט, כידוע, אויף זיין געוויסען דעם מארד פון 7 אידען. דר. רייס האט געהאלטען פאר זיכער, אז דער העכסטער געריכטסהויף וועט בטול מאכען דעם באפרייאונגס פסק פון געשווארענעם געריכט. דערווייל האט דער העכסטער טריבונאל באשטעטיגט דעם משפט פון די געשווארענע און תיכף באפרייט פון קרימינאל דעם אנטעראפיציר הארק. הייסט עס, אז דער פיינער מענש הארק קען בעסער די טשעכישע ריכטער; ער וואלט געווים ניט געווען צוריקגעקומען אזש פון אמעריקא אין דער סלאוואקיי, ווען ער זאל געווען חושד זיין זיינע נאציאנאלע ברידער, אז זיי וועלען איהם אריינווארפען אין תפיסה אויף עטליכע יאהר וועגען 7 אידישע הרוגים...

(איטא).

יעקב פיכמאן

(צו זיין 50־יאהריגען געבורטסטאג)

(ספעציעל פאר'ן „אידישען זשורנאל")

פון ש. ערנסט

דער העברייאישער שריפטשטעלער יעקב פיכמאן אינטערעסירט אונז ניט נאר אלס באגאבטער דיכטער, נאר אויך אלס אריגינעלער גייסטרייכער שעהנגייסט און קריטיקער. ער איז אין דער קריטיק דאס אייגענע וואס אין דער דיכטונג. ער איז ד'א אויך דער שעפפערישער קינסטלער, וואס שעפט פולע הויפענס פון גייסטיגע אוצרות פון דער ליטעראטור און גיט זיי איבער אין א פיין־קריסטאליזירטער פארם פאר'ן לעזער.

פיכמאנ'ס אייגענארטיגקייט איז די עסטעטיק. ער זוכט אין יעדער ליטערארישער שאפונג קודם־כל די שעהנקייט. ער איז ניט קיין גריבלער, נאר א נאאיווער. גראד דוקא ווען ער איז נאאיוו אין זיין קריטיק, איז ער אויך טיף — גאר אהן א כונה. און דערין באשטעהט אויך דער אונטערשיד וואס צווישען איהם און ניגער'ן. דער לעצטער באהאנדלט ניט דעם שרייבער פון אן עסטעטישען שטאנדפונקט, ער זוכט ניט צו אנטפלעקען די שעהנקייט פון דער שאפונג, נאר צו דערגרונטעווען דעם גייסטיגען פרצוף פונ'ם קריטיקירען. דאנגען פיכמאן זוכט שטענדיג אונז צו געבען א ווידערשטראהלונג פון דער שאפונג גופא.

אט דער כאראקטעריסטישער שטריך זיינער איז באזונדערס בולט אין זיינע עסייען וועגען די הייליגע ספרים פון די כתבי הקודש און וועלכע זיין ליריש אימפרעסיאניסטישער טאלענט קומט צום פולען אויסדרוק. די דאזיגע עסייען פיכמאנ'ס זענען אויך זיין גרעסטער פארדינסט אין דער נייער העברייאישער ליטעראטור, ווארים ער איז דער ערשטער, וואס האט אריינגעטראגען ביי אונז די שטרעבונג אריינצודרינגען קינסטלעריש טיפער אין די כתבי הקוש. מיר, אמת, וויסען פון שטענדיג אן, אז מיר פארמאגען א טויזענט יעהריגע רייכע ירושה פון אמת'ע קונסט, און אז מיר פארמאגען עטליכע הייליגע ספרים ווי „איוב" און „קהלת" וועלכע ווערען פאררעכענט עד היום אלס די אייביג נייעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור. מיר האבען אבער זיי ארומגערינגעלט מיט א נעץ פון פירושים און רמזים און ניט געזוכט אריינצודרינגען אין זייער אינערליכען ריטם און אין זייער אייביגען קינסטלערישען ווערט. י. פיכמאן איז דעריבער דער ערשטער אין דער העברייאישער ליטעראטור, פאר וועלכען די דאזיגע ספרים זענען דער סימבאל און די פאעטישע ירושה פון אונזער פארצייטיגעם געניאלען שאפונגס־קראפט.

פיכמאן אנטפלעקט פאר אונז אין די כתבי הקודש אן אלט־נייע וועלט, וואס שפיגעלט זיך אין קונסט און איז באוועבט מיט'ן היל פון קדושה און גלויבען. מיט התלהבות'דיגען דראנג נאך דער שעהנער פארצייטיגער וועלט נעהמט ער אן פאר'ן האנט דעם לעזער און פיהרט איהם דורך דעם גרויסען לאבירינט פון דער בילישער פאעזיע. ער אנטפלעקט פאר איהם דעם באזונדערען חן און צויבער, וואס זענען אויסגעגאסען אויף די שירה פון תנ"ך, אט דער חן וועלכער איז דער סוד פון איהר אומשטערבליכער שעהנקייט.

די ערשטע פון זיינע ביבלישע עסייען איז „איוב". די אומרוהיג־זוכענדע פערזענליכקייט איוב'ס, ווי אויך דער ספר איוב אלס דער אוניווערסאלער בוך צווישען אלע כתבי־הקודש, דער צער־בוך פון דער גאנצער מענשהייט איז זעהר נאהענט פיכמאנ'ען. דאס וואס פארכישופט איהם אממעהרסטען אין דעם ספר איוב איז ניט אזוי דער וואונדערליכער פאטאס וואס קלינגט אפ פון אלע זיינע קאפיטלאך, ווי דער וואונדערבארער מענש, די ענדלאזע בארמהערציגקייט, די טיפע הארצענ'ס שטימע וואס פיהלט זיך אין איוב'ס רייד, סיי ווען ער פלוכט סיי ווען ער יאמערט ביטערליך געגען די עולה וואס גאט איז באגאנגען געגען איהם.

„אינ'ם ספר איוב", זאגט פיכמאן, „אנטפלעקט זיך פאר אונז דער זאנדערבארער שפראך פונ'ם אידישען פאטאס, וועלכער צייכענט זיך תמיד אויס מיט דער אינוועניגסטער רוה און בטחון אין זיך: גאט'ס טרייסט איז שטענדיג מיט אונז. אין איוב וועט איהר ניט געפינען די אומדערבארעמדיגע אכזריות'דיגע ערביטערניש וואס קלינגט אין פראמעטעאסעס ווערטער געגען צעאז'ען. די מלחמה געגען צעאז'ען איז א אייביגע מלחמה, זי געהט איבער בירושה פון איין דור צום צווייטען, וועהרענד ביי איוב זעהען מיר נאר ווי ער גיסט אויס זיין ביטער הארץ צו גאט ברוך הוא, דער האר פון דער וועלט, וואס האט אויף א ווייל אוועקגעקעהרט זיין פנים פון איהם".

מיט אן אייגענארטיגע קינסטלערישע תפיסה און מיט אן אויג פול מיט חבה טרעט צו פיכמאן צו „קהלת'ן". קהלת האט געהאט אין יעדען דור אנדערע מפרשים. די חכמי התלמוד וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיט טיפען גלויבען אין דער געטליכער השגחה האבען אנגענומען „אז קהלת איז תחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה, ער הויבט זיך אן מיט תורה און לאזט זיך אויס מיט תורה". דער גרויסער אידיש־דייטשער דיכטער היינריך היינע וועמענ'ס לידער זענען דורכגעדרינגען מיט טיפען פעסימיזם און ביטערען יאוש, באצייכענט קהלת'ן אלס דעם גרעסטען בוך פון ספקות — „דאס האהע ליד דער סקעפסים". ערנסט רענאן ווידער באוואונדערט דעם טיפען געדאנק פון ספר קהלת און רופט אויס מיט התפעלות: „מיר האבען איהם ליעב ווייל ער באריהרט אונזערע אלע צרות און יסורים". און אויך פיכמאן טרעט צו צום ספר קהלת ווי צום בוך פון צע"ר, וועלכעס איז פול מיט טרויער און דורכגעדרונגען מיט יאוש און „שטילען סם".

וועמענ'ס האנט איז עס געווען, וואס האט געשריבען דאס וואונדערבארע ביכעל, וואס שטעהט אזוי איינזאם־פרעמד צווישען די אנדערע שווער פארנעבעלטע ביכער פון דער ביבעל. וועמענ'ס הארץ האט דורכגעטראכט און דורכגעוועהטאגט די דאזיגע טיפע געדאנקען.

„נאך ווען איך בין געווען א קינד" — זאגט פיכמאן — „האט דאס אומעטיגע געשטעלט פון דעם אונבאוואוסטען וואונדערליכען מענשען צוגעצויגען מיין אויפמערקזאמקייט. איך פלעג נאך דאזמאלסט פארקלעהרען, לייענענדיג די ווערטער וועגען דעם רעטזעלהאפטען מענשען. וואס איז געווען קלוגער פון אלע מענשען וואס האבען געלעבט פאר איהם, און עד היום בלייבט ער פאר מיר א יחיד פונ'ם אלטען אידישען גייסט. הויב איך נאר אן צו לייענען אט דאס זעלטזאמע ביכעל, ווער איך גלייך געפאנגען פונ'ם אוראלטען ריטם, פון דעם פארבלאנדזשעטען אויסגעשריי פון א ווייטער טיפער מדבר־נאקעטקייט. צווישען די ביבעל־ביכער איז דאס ביכעל דאס נאהענטסטע פאר'ן מענשען פון אונזער צייט. עס איז א מאדערנע שאפונג לויט'ן אינהאלט און גייסט. דאס וואס פייניגט איהם, דעם אונבאקאנטען פאר טויזענטער יאהר, פייניגט אויך אונז היינט, און וועט אפשר ניט אויפהערען צו פייניגען דעם מענשליכען גייסט אייביג".

מיט גרוים קענטניש שילדערט פיכמאן אויך דעם בגרות'דיגען סטיל פון קהלת, וועלכער איז שוין ניט אזוי פרימיטיוו און פשוט ווי דער סטיל פון די אנדערע תנ"ך ביכער, נאר איז פול מיט אויסדרוק פון א באפרייטען גייסט, וואס האט מיט זיין אייגענעם ווילען אראפגעווארפען פון זיך דעם איבעריגען באלאסט פון פריהערדיגע אוצרות און געזוכט צו זיין טריי צו זיין אייגענער נשמה, וואס איז געווארען געברענט אין איהר אייגענעם פייער.

מעהר געלאסענער אין איהר ווידערגעבונג און מעהר רוהיגער אין אינהאלט איז די עסעי וועגען מגילת־אסתר. אסתר איז א מאדערנע ערשיינונג אין דער שאפונג פונ'ם אלטען אידישען גייסט. די קלאהרקייט פון דער ספור־המעשה און די נאאיווע פשטות פון דער ערצעהלונג פארשאפען מגילת אסתר א באזונדערען פלאץ צווישען די ספרים פון תנ"ך. לייענענדיג ווערען מיר גלייך פארכאפט פון דער פשטות מיט דער געטליכער רוה. ווי אין יעדער ביבעל־שאפונג געפינט פיכמאן אויך אין אסתר יענעם ווארעמען אטעם פון נאטור־טרייהייט, פון נאהענטקייט, וואס מאכט א ביסעל לינדער דעם גרויסען טרויער וואס איז אזוי צוגאסען איבער דעם אידישען פאלק. ער שילדערט אויך די שעהנקייט פון אסתר'ס קינסטלערישען אויסדרוק, די שלימות פון איהר ארכיטעקטאנישען בוי, און ווייזט אן דערביי די פרימיטיוויטעט פון דער שאפונג, אין וועלכער מען געפינט שוין ניט דעם אויפשוואונג פון פאנטאזיע פון די נביאים, און אויך ניט די עלעגישע פאעזיע פון די כתובים אחרונים.

שעהנע און פראכטפולע בלעטער

(פארזעצונג אויף פעידזש 3)

טעאטער — מוזיק — מואווים

ארום אונזער טעאטער

פון חיים קירשענבוים

איך זיץ מיר אזוי איינער אליין נאך א טעאטער פארשטעלונג, און קלער אריין: וואס איז טעאטער? און ענטפער זיך: דאס אנטלויפען פון דראהונג צו סכנה, בכדי זיך צו באפרייען פון דער דראהונג. וואס בין איך דערמיט מכון?

מיין טאטע זאל געזונד און שטארק זיין, האט מיר אמאל דערצעהלט:

אמאל, שוין א סך יאהרען, דאס איז געווען די ערשטע נאכט פסח נאך דעם סדר אפריכטען. די חד־גדיא'ס אפגעזאגט. אויך שיר השירים. די מאמע איז געלעגען מיט'ן קאפ אנגעשפארט אויפ'ן טיש און געשלאפען, א קליינינקייט נאך אזוי פיעל ארבייט. געוואשען, געשאבען, געריבען, געכשר'ט. איז זי נעבאך איינגעשלאפען. אפילו דעם אפיקומן ניט גענעסען. און אשר מיט דור'ן זיינען אויך שוין געשלאפען. האב איך זיך אליין ארומגעדרעהט אין שטוב. דו ביזט אויפ'ן דאך געוועזען. (דאס האט ער געמיינט מיך). נאכהער מיעד ווערענדיג פון ארומדרעהען זיך אין שטוב, האב איך אנגעטאן דאס שטריימעל און ארויסגעגאנגען אביסעל אין דרויסען.

עס איז געווען א שעהנע נאכט, א מחיה. אזא טייערע לבנה. מען האט געזעהן בחוש, אז אויבען אויפ'ן הימעל איז אויך יום טוב. שפאציר איך מיר אזוי אהין און צוריק.

אין מיטען דערינען בלייב איך שטעהן — און איך קען מיך ניט ריהרען פון ארט. דאס הארץ קלאפט ווי ביי א גזלן. טרעף וואס איז געווען? ביי טעבאל דעם בעל־עגלה'ס שטאל איז געשטאנען א מענש, אנגעטאן אין תכריכים מיט א ווייס היטעל אויפ'ן קאפ און געקוקט גלייך מיר אין די אויגען אריין.

ווי א דונער בין איך אריינגעפאלען אין שטוב. איך וויל וועקען דער מאמען, איז מיר אבער אזא רחמנות. ערב יום טוב זיך אזוי אנגעהארעוועט וואס טוט מען? איך וויל אנהויבען זאגען תהלים. דערמאהן איך זיך, אז ביינאכט טאר מען קיין תהלים ניט זאגען. אגב, קען איך קיין ווארט ניט ארויסרעדען. עפעס האט זיך מיר פארלייגט אין האלז איך וואל דערשטיקט ווערען. פארגעס איך שוין אלצדינג, איך נעהם זי טארען ביים ארבעל. איך רייס זי און שריי מיט די לעצטע כוחות שיינדעל לאה! שיינדעל לאה! — נאר די מאמע דיינע איז געשלאפען נעבאך ווי א געהרג'עטע. א חידוש אביסעל. נאך אזוי פיעל פראצעווען. לויף איך ארום איבערן שטוב און עס קומט מיר א רעיון: געה שוין, שוטה, וואס שרעקסטו זיך? היינט האבען שדים און רוחות סיי־וויסיי קיין שליטה ניט. עס איז דאך עפעס א ליל שמורים! און קריאת שמע לייענט מען נאר די ערשטע פרשה. ווער איך שוין אביסעל בארוהיגט, און פאוואלי געה איך צו צום פענסטער, און פאמעליך הויב איך אויף דאס פארהענגעל פון פענסטער. און וואס מיינסטו? דער ווייסער מענש קוקט אקוראט צו מיר אין שויב אריין און ווינקט.

וואס טוט מען?! געוואלד, וואס טוט מען?! איך וועל עס ניט אויסהאלטען! און איך ווייס נאך עד היום ניט ווי אזוי עס איז געשעהן. ווי א ווילדער בין איך ארויסגעלאפען און דערלאנגט א כאפ דעם בר־מנן פאר'ן האלז. ערשט איך גיב א קוק — גאר נישט... אזא הולטאי! פסח מילערש, דער וואס ווייסט די שטובען אויף יום טוב, האט געוויסט ביי טעבאל דעם בעל־עגלה דאס הויז. און ווען ער איז אהיים געגאנגען האט ער א שמיר געטאן מט'ן פענזעל איבער דער גאנצער לענג פון דער וואנט.

דא האט מיין טאטע שטיל געשוויגען א פאר מינוט — און ווייטער פארגעזעצט: אבער גלאטיג, מיין קינד — האט ער צו מיר געזאגט — איז עס ניט אדורכגעגאנגען. פון 8 קינדער נעבאך איז מיר געבליבען 3, און דאס איז אויך מיט נסים...

אנטקעגען וואס האב איך אייך דערצעהלט די גאנצע מעשה: מיט אונז קומט אויך פאר דאס אייגענע ווען מיר געהען אין טעאטער. די עלעמענטען ליגען אין בוזים פון דער וועלט און ווארטען אויף א געלעגענהייט, אז אמאל אין א שאטענפולער, געשפענסט נאכט זאלען זיי ארויסשפרינגען פון זייער באהעלטעניש, זיך אוועקשטעלען און אונז אזוי אריינשווייגען אין פנים, אז אלע נערוועז אונזערע זאלען פארציטערט ווערען.

מיר זיינען ארומגעגארטעלט מיט אומזיכערקייטען. מיליאנען רגע'ס קוקען אויף אונז ווי די מיליאנען אויגען פון מלאך המות.

אייביג פיהלען מיר אויף זיך די דראהונג פון לעבען, און אלע וואס ארום אונז פיהלען זיי אויך, און ווילען זיך ראטעווען. די גאסען, וועלכע זיינען מיט שטיינער ברוקירט, ברעכען דורך די קלעם און ציהען זיך ערגעץ ווייט, ווייט אוועק.... און אין די ווינקלען פון די גערטנער בליט אזוי פיעל מורא, אז די בוימער רייסען זיך ארויף, ווילען ארויס פון זייער קארע און קאנען נישט, בלייבען זיי הענ־

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

די פיעלד טאפעלע שמחה

קומענדען מאנטאג דעם 11־טען יאנואר וועט אין סטענדערד טעאטער געפייערט ווערען א טאפעלע שמחה. עס איז דער עהרען אוועגט פון דער גוט באקאנטער שוישפילערין, אסתר פיעלד, וועלכע האט אין דער צייט וואס זי איז אין טאראנטא זיך דערווארבען א צאהל פריינט און פארעהרער.

גליקליכערווייזע וועט מאדאם פיעלד'ס עהרען־אוועגט זיין א צוואנציג יאהריגער חתונה יובילעאום פון מר. און מרס. פיעלד און די טאפעלע שמחה וועט געפייערט ווערען אין סטענדערד טעאטער.

אויסער דער שעהנער פיעסע: "די אדעסער ווייבעל", וועלכע וועט געשפילט ווערען, וועט אויך אין דער זעלבער צייט דורכגעפיהרט ווערען די צערעמאניע פון דער זילבערנער חתונה. וועלכע איז א וואונדערבאר שעהנע.

אן און פאר זיך איז ווערט צו זעהן די טאפעלע שמחה.

מאדאם פיעלד'ס אונצעהליגע פריינט און פארעהרער וועלען דעמאנסטראטיוו קומען מאנטאג אין טעאטער צו דעמאנסטרירען זייער אכטונג צו דער שוישפילערין.

דאס וועט זיין א וואונדער שעהנע טעאטער נאכט, און עס איז ווערט זיך צו באזארגען מיט א בילעט.

אסתר פיעלד

וועלכע מאכט גרויסע פארבארייטונגען צו איהר עהרען אוועגט און זילבערנע חתונה פייערונג דעם 11־טען יאנואר.

דער באַרדיטשעווער חתן, א פרעהליכע פיעסע

פון ה. ז.

זעהר לייכטזיניג אבער דאך אונטערהאלטענד איז די פיעסע "דער באַרדיטשעווער חתן". אויב איך מאך קיין טעות ניט האב איך שוין די זעלבע פיעסע פריהער געזעהן אונטער אן אנדער נאמען... אבער וואס איז דער חילוק אזוי לאנג ווי דער עולם פארוויילט זיך אויסגעצייכענט.

די פיעסע פארמאגט א סך נומערען געזאנג הארציגע מוזיקאלישע נומערען און א סך מאמענטען פון אמת'ען געלעכטער ארויסרופענדען הומאר.

דער גאנצער אוצר מיט הומאר געפינט זיך אין דער קעשענע פון דעם תמ'עוואטען זונ'דעל פון דער משפחה וועלכער מאכט זיך נאריש און דער עולם האט הנאה פון די דאזיגע נארישקייטען.

א סך לעבען האט אריינגעבראכט דער כאר, וועלכער האט באוויזען צו אויפהויבען די גאנצע פיעסע צו איהר געהעריגער הויך.

שעהנע לידלאך, וועלכע זענען געזונגען געווארען, האבען אויך געהאלפען צו פארוויילען דעם עולם.

די פיעסע וואלט געקענט זיין א דורכשניטליכע מעלאדראמע ווען דאס ביסעל מוזיק און געזאנג וואלט עס ניט פארוואנדעלט אין א מוזיקאלישער קאמעדיע.

א מעלה האט די פיעסע וואס זי גיט גאנץ נישקשה'דיגע ראליען צו די מערסטע פון דעם פערסאנאל, אזוי אז כאטש

די פיעסע גופא איז א פוסטע, אהן א וועלכען עס איז אינהאלט, איז זי אבער שעהן פאר'ן אויג און האלט דעם עולם געשפאנט.

דער עולם אמוזירט זיך אויסגעצייכענט די עטליכע שטונדען וואס מען זיצט אין טעאטער.

היינטיגע וואך אין די היגע טעאטערס

ליידי טשאלמאנדעלי אין ראיאל אלעקסאנדרא

ליידי' טשאלמאנדעלי מיט איהר טרופע ענגלישע ארטיסטען פיהרט אויף די וואך א קאמעדיע מיט א היבש ביסעל מאדערניסטישען הומאר פון א. א. מילן: "צו האבען די עהרע" (טו העוו די האנאר). דער אונשולדיגער הומאר, וואס טיילט אריין א פארציע יעדען און אלעמען, גיט א מעגליכקייט זיך גוט צו אמוזירען.

אלעס פלאנטערט זיך ארום א פעהיגען און דאך פשוט'ען חברה־מאן, וואס ווערט פון אלעמען אנגענומען אלס א פרינץ פון א נישט געשטויגען נישט געפלויגענע מדינה. ביז ענדליך ווערט זיין שווינדעל אויפגעדעקט און די ארומיגע הערען אויף זיך יאגען נאכ'ן כבוד פון זיין און זיין סביבה.

די הויפט ראלען שפילען ליידי טשאלמאנדעלי און יוה ברוק. די ערשטע אלס די קאמישע און דאך קלוגע אלמנה, און דער צווייטער אלס דער פארשטעלטער פרינץ.

"דער סוף פון וועג" אין מעסי האל

די קאנאדער געזעלשאפט פאר סאציאלער היגיענע פיהרט דורך איהר וואך מיט רעדנער און א בילד: "דער סוף פון וועג" אין מעסי האל.

צו פארזיכערען זיך אז מיט זייער פראפאגאנדע וועלען זיי דערגרייכען דעם ציעל און נישט דעם היפך פון דעם, וואס זיי מיינען ווערען די פארשטעלונגען געגעבען אין באזונדערע טעג פאר מענער און פרויען.

דאס בילד, וואס מאכט אויפמערקזאם אויף סאציאלע אונגערעכטיגקייטען און צו וואס זיי ברענגען, ווערט באגלייט פון רעדנער, וואס רעדען וועגען ענין ניט פארשטעלט, האבענדיג פאר זיך אן איינהייטליכע אודיענץ פון בלויז מענער, אדער פון בלויז פרויען.

און עס מוז געזאגט ווערען, אז די פראפאגאנדע איז א ווירקענדע.

"פראנקענשטיין" אין טיוואלי

מעשה מיט א גולם, אן דער קדושה פון א אידישען צדיק און אן עלילת דם בלבול, דערפאר אבער פול מיט מאמענטען, וואס רופען ארויס א שוידער ביי די צושויער, — דאס איז פראנקענשטיין.

עס איז א געשיכטע פון איינעם, וואס האט באשאפען א גולם און האט פארלארען דעם שליסעל צו זיין שאפונג און דאס משונה'דיגע ריזיגע באשעפעניש רייסט זיך אריין מיט אן אונגעצוימטער ווילדקייט אין מענשליכע לעבענס.

עס איז א בילד, וואס מוז זיך איינקריצען אין זכרון און עס ווערט גוט דורכגעפיהרט.

אין אימפייר טעאטער

א לוסטיגער פראגראם אונטער'ן נאמען "די פארגעניגען זוכער" (פלעזשור סיקערס) ווערט געגעבען אין אימפייר. אוירווינג זעליג מיט א כאר פון מיידלאך פיהרען דורך א צאל בילדלאך און סצענקעס און קאלירפולע טענץ, ביי וועלכע מען קען זיך אפרוהען מיט פארגעניגען.

באזונדערס צייכענט זיך אויס אויף דעם פראגראם דער לעצטער נומער אין וועלכען די גאנצע קאמפאניע נעהמט איינטייל אין א קארניוואל פון לידער און טענץ.

אין שעיס

"פאגאן ליידי" (א געצענדינערין), וואס ווערט געוויזען אויפ'ן לייוונט אין שעיס איז א וואונדערשעהן בילד וואס פארמאגט אלע מעלות פון א ליבעס געשיכטע, ווען זי ווערט א טאקי.

די צוציהונג אויפ'ן פראגראם פון סטיידזש איז דזשיימס האל, דער הויפט שפילער פון "העלס ענדזשעלס" און אנדערע בילדער, וואס דערשיינט פערזענליך.

אויסער דעם ווערט געגעבען א גאנץ רייכע וואדעוויל פראגראם און א גאנץ אינטערעסאנטע.

אין אפטאון

"איהר מאיעסטעט ליבע" איז דער נאמען וואס דערצעהלט פיעל וועגען דער מוזיקאלישער קאמעדיע, וואס ציגט זיך אין אפטאון.

ליבע, בענקעניש און געלעכטער זענען איינגעפאסט אין א ראם פון לייכטער הארמאנישער מוזיק און באגלייט פון גאנץ שעהנע סצענעס.

און אז צו דעם ווערט נאך געגעבען א קאמעדיע אין וועלכער עס טרעטען אויף לארעל און הענדי, קענען די צושויער אודאי נישט בלייבען אומעטיג נאך אן אוונט אין אפטאון.

וואס עס ווערט געשפילט די וואך, אין די היגע טעאטערס

סטענדערד
היינט אוונט:
"געלט און ליבע".
פרייטאג און שבת:
"קינדער פון דער אונטערוועלט".

לאוס
"פאסעסד".

טיוואלי
"פראנקענשטיין".

שעיס
"פעדזשען ליידי"
און ר. ק. א. וואדעוויל.

אימפעריאל
"פיטש־ארינא".

ראיעל אלעקסאנדרא
"צו האבען די עהרע".

אפטאון
"הער מאדזשעסטיס לאוו".

עמפייר
"בורלעסק".

וויקטאריא
"סמיילין טרו".

פארשידענע מיינונגען וועגען דער יעצטיגער בשר כשר מחלוקה אין טאראנטא

חשוב'ער רעדאקטאר: —

איהר וועט מיר ערלויבען מיין מיינונג אריינשרייבען אין אייערע חשוב'ער צייטונג פאר וועלכען איך דאנק אייך פאראויס און מיט פיעל רעספעקט צו אייך.

עס איז זעהר וויכטיג די ערקלעהרונג פון דער היגער צייטונג אז יעדער זאל ארויסזאגען זיין מיינונג איבער דער פאסירונג וואס קומט יעצט פאר דא אין שטאדט טאראנטא.

און ווירקליך דארף מען זיך אפשטעלען אויף דער היגער שחיטה בכלל און אויף די רבנים אין קהלה בפרט.

די יעצטיגע פאסירונג צווינגט יעדען פון אידישען פאלק זיך אויף א ווייל'ע פארטראכטען און זיך אליין פרעגען וואו בין איך און פון וואס פאר אן אפשטאמונג בין איך.

און אט ביי דעם ווארט אפשטאמונג מוז מען זיך אפשטעלען און אפגעבען דין וחשבון. כאטש יעדער איינער דארף ניט אויסהערען און וויסען יעדעס ווארט וואס די צדדים זאגען נאר איין זאך איז יעדען בעקאנט אז רבנים זענען די רעליגיע טרעגערס פון אידישען פאלק, אבער גלייכצייטיג דארף מען גוט אין זינען האבען און ניט פארגעסען אז די תורה דאס הייסט אונזער רעליגיע איז א מאראל. און אויב ווער וויל ווערען דער רעליגיע טרעגער דאס הייסט אז ער וויל ווערען פון די מאראל פרעדיגערס איז נישטא קיין צוויי מיינונגען אז ער מוז אויך טאן מאראלישע מעשים. און אויב די מאראלישע מעשים פון אט די פרעדיגערס זאל נאר איסור און חרם זיין דאס הייסט אז אויב א צווייטער מענש וועלכער האט אויך סמיכות אויף רבנות און קען אויך מדקדק זיין אין כשרות און נעהמט אויך ארויס דעם אייגענעם דין פון די אייגענע גמרות אדער יורה דעה נאר מען וויל ניט איהם אריין נעהמען און זיין צוזאמען, מוז מען שוין ווייטער נאכפאלגען און קלעהרען אפשר איז דאס ניט לשם שמים דער גאנצער קאמף, מוז מען ווייטער א טראכט וואס איז דאס לשם שמים?

אזעלכע גאונישע קעפ ווי די רבנים פון טאראנטא פאר וואס האבען זיי באלד ניט געזעהן אויף א לאגישען פרידליכען וועג אדורכברעכען אז אזעלכעס זאל ווייטער ניט געהן ווי עס איז געגאנגען.

וואס איז געווען דער מיין פון די רבנים אז מיט זייער איסור און דרשות אין שבת תשובה און יום כפור וועט קיינער אויך ניט וועלען הערען דאס געוויין פון הונגער און נויט פון א איד א תלמיד חכם, נאר לאזען הונגערען און לאזען אויסגעהן ווי א ליכט, איז דען יעדענס איד'ס הארץ אזעלכע מירמעלשטיינערנע הערצער ווי ביי די רבנים פון טאראנטא? און ריכטיג זעהען מיר וואס מען האט געמאכט פון אונזער אידישקייט און במילא מיינט מען א קלאפ פאר דעם גאנצען אידישען פאלק.

אונזערע ברידער און שוועסטער קוילעט מען אויף דער גאנצער וועלט האבען מיר דאך נאך איין ירושה איז וואס זעהט מען? האט מען טאקי צו שאנד און צושפאט אונזער תורה געבראכט, אונזער גלות עקזיסטענץ. עס איז ווערט געווען אז אונזערע שפאנישע אידען האבען זיך נאך מעהר בעדארפט לאזען פייניגען און ניט לאזען עוקר מן השורש זיין אונזער תורה אונזער פאלק אז אונזער פאלק זאל ווייטער עקזיסטירען און נאך אזעלכע פיעל געליטענע און ווערטה איז דאס אלעס געווען אז עס זאל קומען צו אזעלכע צייטען אז מיט אונזערע אייגענע הענט זאלען מיר זיך באשמוצען. צוליעב וואס איז דאס אלעס געשעהן לשם שמים זיכער נישט, זיכער איז עס געוועזען אז מען האט מורא געהאט אריינצונעהמען א איד א תלמיד חכם און געבען די מעגליכקייט ער זאל עסען א שטיקעל ברויט. און ווער? די רבנים אליין טוען עס.

און דערפאר ליגט די גאנצע פאראנטווארטליכקייט אויף די מאראל פרעדיגער און מיר - די אידישע מאסען פון טאראנטא דארפען ארויסרופען אלע ווי איינעם אויף אן ארט און מאכען אן עפענטליכען משפט און פאדערען רעכענונג און פרעגען אלע בקול רם וואס האט איהר געוואלט פון אונזער תורה פון אונזער אידישע עקזיסטענץ? וואס האט איהר אריינגעשלעפט אונזערע צדק און יושר'דיגע געזעצען אין גוי'אישע הענט, און אלע אידען האנט אין האנט, זאל בייזאל צוריק איינשטעלען ארדנונג, אין אונזער אידישען ישוב כאטש א פלעק בלייבט ביי דעם אידישען פאלק איינגעקריצט אין הארצען און אין פנים אויך.

בכבוד רב
משה נוכאוויטש.

ווערטהער רעדאקטאר: —

אזוי ווי איהר גיט יעדען איינעם פלאץ אין "זשורנאל" ארויסצוזאגען זיין מיינונג וועגען בשר כשר מחלוקה צווישען ועד העיר און דער קהלה איז מיין מיינונג אז די קהלה און די ווירדיגע רבנים זיינען שולדיג צוזאמען.

די קהלה ווייל די דעלעגאטען ביי די לעצטע נאמינייששאנס האבען פארלאנגט אז אלע בעאמטע זאלען אריינגעבען זייערע רעזיגנאציעס, א ריכטיגע און פראקטישע פאדערונג ווארום די שטימע פון פאלק איז די שטימע פון גאט.

דער ועד הרבנים האט אנגעהויבען שרייבען אז ביי דריי בוטשערס פארקויפט מען טריפה פלייש, היינט פארקויפט מען ביי 18 בוטשערס טריפה, און אויב איך מאך קיין טעות ניט, און אלעס זאל אזוי ווייטער אנגעהן וועט אלעס זיין טריפה.

מיין מיינונג איז אז מען דארף אנהויבען בויען די קהלה אויף א שטארקען פונדאמענט, מען דארף גלייך צוזאמענרופען אלע שולען און סאסייטיס און אויסקלייבען אזעלכע בעאמטע וואס זאל זאל זיין א שעהנקייט פאר'ן טאראנטאר אידענטום, און דאן וועט די קהלה קענען ריידען אין נאמען פון אלע אידען.

טאראנטא האט א אידישע באפעלקערונג מיט קרוב 50 טויזענט איינוואוינער כן ירבו, עס איז א שאנדע אז עטליכע פערזאנען זאלען אלעמען פיהרען פאר'ן נאז, אונטער א נייעם רעזשים וועט ניט זיין קיין פלאץ פאר טריפה בוטשערס און די רבנים וועט מען אויך אכטען מעהר.

מיט אכטונג,
ל. ליוואי.
528 יוקליד עוועניו.

ווערטהער רעדאקטאר: —

איהר האט איינגעלאדען אלע אייערע לעזער צו זאגען זייער מיינונג וועגען דער בשר כשר פראגע וועלכע פלאקערט אזוי שטארק יעצט ביי אונז אין שטאדט טאראנטא, דארום נעהם איך מיר די פרייהייט צו זאגען מיין מיינונג וועגען דעם, און איך האף אז איהר וועט שענקען א שטיקעל פלאץ אין אייער ווערטע צייטונג און עס דרוקען.

עס איז א באוואוסטע זאך אנגענומען פון דער גאנצער וועלט אידען אדער ניט אידען, ציוויליזירטע אדער ניט ציוויליזירטע פעלקער, מיט איין ווארט די גאנצע וועלט אהן אויסנאהם אז די מערהייט רעגיערט און די מינדערהייט מוז זיך אלע מאל אונטערווארפען צו פאלגען דעם באשלוס פון דער מעהרהייט:

נעהמט צום ביישפיעל אין א געריכט וואו עס זיצען עטליכע דזשאדזשעס מעגען די מינדערהייט זיין גרעסערע מענשען פון דער מעהרהייט, קוים איז דא דריי אויף צוויי בלייבט עס ווי דריי פסק'ענען.

נעהמט א שוהל אדער סאסייטי אדער אירגענד וועלכע פארזאמלונג איז אימער דער באשלוס אזוי ווי די מעהרהייט.

וועגען אידישען דין קען איך ברענגען פאלגענדען ביישפיעל, אדער אויסצוגען פון אונזערע חז"ל. צו בעווייזען אז מיין מיינונג איז ריכטיג: מיר געפינען איין מאהל אין גמרא די געשיכטע פון רבי אליעזר מיט די חכמים און רבי אליעזר רופט אויס זאלען די וואסערען עדות זאגען אז דער דין איז ווי איך זאג און די וואסערען רוקען זיך אוועק פון דעם ארט. נאכהער נעהמט ער אלס עדות די ווענט פון בית מדרש און צום סוף קומט א בת קול פון הימעל און זאגט אז דער דין איז ווי רבי אליעזר. און דאך ענטפערען די חכמים אז די תורה זאגט אחרי רבים להטות און דער דין בלייבט טאקע ווי דער רבים.

נאך איין מאמר חז"ל געפינען מיר רבי וחברו הלכה כרבי ולא רבי וחבריו. דאס איז גאנץ איינפאך דער גרעסטער מענש אין זיין צייט האט נאר געקענט באזיעגען איין געגנער אבער ניט צוויי ווען זאגאר זיי זיינען געוועזען קלענער פון איהם.

יעצט שטעלט זיך די פראגע ווי קען איין מענש זיך אנטקעגען שטעלען אכט גדולים בתורה אז ווען זיי זאגען טריפה זאגט ער כשר. מען מוז דאך פרעגען האט ער געלערענט און קען אביסעל לערנען ווייס ער דאך די גמרות און, דארף זיך אליין שטעמפלען אלס מאכיל טרפה, האט ער ווידער ניט געלערענט און ווייס דאס ניט ווי זשע קומט ער גאר זיך צו מישען אין כשרות. איז דאך די גלייכסטע זאך פאר אזא מענשען זיך צו נעהמען צו א וועלכער עס איז אנדער פרנסה.

איך דענק אז מיינע בעווייזע זענען גענוג שטארק און זענען ווערט געדרוקט צו ווערען דארום בעט איך אייך עס ניט אפצוהאלטען נאר באלד צו דרוקען און איך דאנק אייך אין פאראויס.

אכטונגספאל
משה אוילבוים.

כללים וועלכע דארפען אפגעהיט ווערען

שרייבער ווערען געבעטען אפצוהיטען פאלגענדע כללים, ווען נישט וועלען זייערע בריעף נישט געדרוקט ווערען:

1. שרייבט מיט טינט אויף איין זייט פאפיר, נישט געדריכט און אזוי אז מען זאל עס קענען לייענען.
2. שרייבט קורץ ווי מעגליך און צום פונקט.
3. באנוצט זיך נישט מיט קיין זידלערייען און אונהעפליכע אויסדרוקען, ווי אויפגערעגט איהר זאלט ניט זיין.
4. דער נאמען און אדרעס פון דעם שרייבער מוז זיין אויפ'ן בריעף, אויב איהר ווילט נישט אייער נאמען זאל פארעפענטליכט ווערען, קענט איהר עס אונטערשרייבען מיט א פסעוודאנים, מיט ראשי תבות מיט א ווארט (מיידט אויס אזעלכע נעמען ווי: א טאראנטאר תושב, א איד, א היגער, א לעזער, וואס יעדער איינער באנוצט זיך מיט דעם). אייער אמת'ער נאמען מוז אבער זיין באגלייט צום בריעף.

פיעלע בריעף פון די צעהנדליגער, וואס זענען אנגעקומען, זענען גלייך ארויסגעווארפען געווארען, ווייל זיי זענען געווען צו לאנג; אדער ווייל עס איז אונמעגליך געווען זיי צו לייענען צוליעב דעם נישט ריינעם שרייבען און שוידערליכען אויסלייגען; אדער ווייל די שרייבער פון די בריעף האבען זיך געזידעלט סתם אין דער וועלט אריין; אדער ווייל זיי האבען נישט אנגעגעבען זייער נאמען.

אויב איהר ווילט אייך פארשפארען עגמת נפש און טענות, פארוואס אייערע בריעף ווערען נישט געדרוקט, היט אפ די אויבענדערמאנטע כללים.

היינט פאר'ן שלאף

אויב איהר האט היינט געפיהלט עפעס ניט מיט אלעמען, געווען פויל צו דער ארבייט, געהאט שוואכען אפעטיט, דאס קאפ האט אייך וועה געטאן, און זייט געווען דעם גאנצען טאג פארטריבט און מוטהלאז, איז עס א סימן, אז דער מאגען איז ביי אייך ניט אין ארדנונג. נעמט היינט פאר'ן שלאף

עקס־לאקס
(אין ענגליש EX-LAX)
דער טשאקאלאד אפפיהר־מיטעל

און אויף מארגען וועט איהר אויפשטעהן פריש און מוטער.

עקס־לאקס קומט אויך אין פארם פון פייגען—„פיג־פליוואר".

אין אלע דראג סטארס.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

אינגעל ראטעוועט צוויי פון צעווילדערטער חיה

מוז דזשאו, סאסק. יאנואר, 5.

די שנעלע האנדלונג און פלינקייט פון אירווין סמאל, א 16 יאהריגער הייסקול שילער, האט נעכטען געראטעוועט די לעבענס פון 2 פערזאן, וואס זיינען שיעור געפאלען קרבנות פון אן אופגערעגטער מוז־קוה.

דער אינגעל האט בייגעוואוינט די אטאקע פון דער ריזיגער חיה, וואס האט אומגעווארפען טאני טאר און דזשאהן גרעי אין דעם היגען פארק. פאר ווילדע חיות און האט אנגעהויבען בעארבייטען די צוויי אויסגעשטרעקטע קערפער, טאפטשענדיג זיי מיט די פיס.

דער אינגעל איז געלאפען אהיים נאך א ביקס און לויפענדיג צוריק האט ער אין וועג שוין אנגעהויבען שיסען. די מוז, געטראפען, ווייזט אויס, פון א קויל, איז אומגעפאלען, האט זיך אבער באלד אויפגעהויבען און איז אנטלאפען.

די צוויי פערזאן זיינען אפגעפיהרט געווארען אין האספיטאל, וואו מען האט אויסגעפונען אז זיי האבען געקראגען שטארקע וואונדען איבערן קערפער און מעגליך אויך צובראכענע ביינער.

דאקטאר ארויסגערופען צום טויטען שיקט אים אפ אין האספיטאל

פאנאקא, אלטא. יאנואר, 5.

דר. וו. א. קעמפבעל איז גערופען געווארען צו באטראכטען דעם קערפער פון א טויטען מאן, וואס מען האט געפונען ליגענדיג אויפ'ן וועג ניט ווייט פון האנען.

ער האט אבער אזוי שנעל ניט געקענט אויסגעפינען די אורזאכע פון זיין טויט. אנשטאט דעם האט ער פעסטגעשטעלט, אז דער מאן לעבט.

דער געוועזענער טויטער איז אפגעפיהרט געווארען אין האספיטאל אין עדמאנטאן, וואו מען גלויבט, אז ער וועט געזונט ווערען.

דער מאן איז געפאלען אין חלשות פון הונגער און קעלט.

פאלשער מענש דעפארטירט

וויניפעג יאנ. 5.

די פאליציי זוכט איצט ארום א מאן מיט'ן נאמען מאיק וואלוני, וועלכער האט נעכטען געזאלט דעפארטירט ווערען קיין עסטרייך.

מאיק האט זיך ארויסגעדרעהט ווען דער פאליסמאן האט געכאפט דעם ניט־ריכטיגען פערזאן צו דעפארטירען.

לוצערן אין קוויבעק האטעל פייער

לוצערן, קוויבעק, יאנואר, 5.

א פייער, וואס האט זיך ארויסגעכאפט פון קאמין אין דעם לאג שאטא האטעל היינט אינדערפריה האט דורכגעברענט א גרויסע לאך אין דעם דאך פון דעם האטעל. גרויסער היזק איז פאראורזאכט געווארען, צו דער אויסשטאטונג פון האטעל פון — וואסער. קיינער איז ניט פארוואונדעט געווארען.

אין קאמין האט מען געהאלטען ביים פארברענען די אראפגענומענע קריסטמעס באפוצונגען. דער קאמין האט זיך צו שטארק אנגעברענט און עס האט זיך אנגעכאפט די דערבייאיגע האלצווארג. דער פייער האט באלד ארויסגעשאסען צום דאך.

די 140 געסט, וואס האבען זיך געפונען אין האטעל, רוהיגערהייד ארויס פון דער געביידע.

זעהר פיעל וואסער איז געגאסען געווארען אויף דער געביידע און דער הויפט היזק איז טאקע פון וואסער, וואס האט א תל געמאכט פון דער קאסטבארער אויסשטאטונג פון דעם האטעל.

די אויבענאויפיגע אפשאצונג פון דעם היזק אין א האלבען מיליאן דאלאר ווערט געהאלטען אלס אן איבערגעטריבענע. דער היזק איז דאך א באדייטענדער.

איין געזונטע אין א פאמיליע פון קראנקע

האליפאקס יאנואר, 5.

לעצטען פריהלינג איז דער 65 יאהריגער יהושע קידי אוועקגעפאהרען קיין מאנטרעאל ארבייטען און אין צוויי וואכען האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים א קראנקער. מרס. קידי'ס שוועסטער, א קראנקע שוין לאנגע יאהרען, וואוינט מיט דער פאמיליע. אין נאוועמבער האט קידי'ס זוהן צובראכען א פוס שפילענדיג בייזבאל. דעם זעלבען טאג האט זיינע א טאכטער דורכגעמאכט אן אפעראציע און ערהאלט זיך יעצט.

כדי ארויסצוהעלפען זיין טאכטער, די איינציגע געזונטע אין הויז, וואס האט געארבייט אויף דער גאנצער פאמיליע, האט קידי באשלאסען קראנקערהייט צו זוכען ארבייט.

לעצטען מאנטאג האט ער געקראגען ארבייט אין טשיבעקטא ביים דורכפיהרען קאנאליזאציע.

נעכטען נאכמיטאג איז ער געפאלען טויט ביי דער ארבייט.

דאנקזאגונג פונ'ם פאלקס־פאראיין

אינ'ם נאמען פון דעם פאלקס פאראיין און אלע אפיסערס און אייך די יעניגע, וועלכע ווערען געשטיצט און געהאלפען פון דיעזער אינסטיטוציע, דריק איך אויס מיין הארציגען דאנק צו אלע אנשטאלטען, ארגאניזאציעס, און אויך איינצעלנע פערזאנען, וועלכע האבען געהאלפען מיט זייער וואונדערליכער ארבייט צום ערפאלג פון דעם יערליכען באל פונ'ם פאלקס פאראיין. באזונדערס פיהל איך, אז די פארשטעהער פון פרייד אף איזראעל, און סאנס אף דזשייקאב האבען געטאן דאס בעסטע און מיט זייער ארבייט האבען זיי געמאכט דעם ערפאלג פיעל גרעסער.

איך האף, אז דער פאלקס פאראיין וועט אויך אין דער צוקונפט קריגען דאס זעלבע קאאפעראציע פון אלע טאראנטער ארגאניזאציעס, אזוי ווי מען האט געקראגען דיעזען יאהר.

איך בין זיכער, אז האבענדיג די פארשטעהער פון פרייד אף איזראעל, סאנס אף דזשייקאב און אנדערע אינ'ם באארד, וועט דער פאלקס פאראיין קענען אנגעהן מיט דער ארבייט און קומען צום ערפאלג.

מיט אכטונג,

ד. ווילסאן, פרעזידענט.

פאלגענדע בוטשערס פארקויפען נבלות וטריפות

משה זילבערשטיין 277 דאנדעס סטריט וו

אייבי עפעלזאפט 854 דאנדעס סטריט

מאיר האלצמאן קארנער נעסאו און בעלוויו עוו

שמעון קעלערמאן באלדווין און ספעדיינע

ראזענפעלד 688 קאלעדזש סטריט

אייזיק אונגערמאן 38 קענזינגטאן עוועניו

אידען איר מוזט זיין פארזיכטיג פון טרפות

וואורשט פעקטארים אויפמערקזאם

נעהמט ניט אריין קיין ברוסטען פון די אויבענדערמאנטע בוטשערס אדער פון דעם פלייש פעדלער

די שחיטה פון די פאלגענדע שוחטים איז נבלה וטריפה

אברהם הורוויטץ באלדווין סט

יוסף קירשענבוים

ביי הערשעל רובינשטיין, 846 דאנדעס סטריט.

פישביין קעמעראן סטריט

נחום טאוב (דער אוקראינער)

דאנדעס, קארנער מארקהאם

איז נבלה וטריפה

הערשעל רובינשטיין דער טשיקען דילער פון 846 דאנדעס וועסט פארקויפט טרפה'נע טשיקענס, זיי ווערען געשאכטען ביי א טריפה'נעם שוחט קירשענבוים

משרד הרבנים: ועד הרבנים:

הרב יהודה ליב גרויבארט הרב יעקב גארדאן

הרב יוסף וויינריב הרב שרגא פייבל ריזענמאן

הרב מרדכי לאנגער

הרב מאיר צבי לעווי הרב מאיר בערגער

באקאנטמאכונג

חיים ליב שטיין

דער אידים פון ה"ר פייוועל שוחט ע"ה לאזט וויסען אלע טאראנטאר אידען בכלל און פארוואנדטע, באקאנטע און לאנדסלייט בפרט, אז פון דינסטאג דעם 5־טען יאנואר אן, וועט ער שטעהן און שחט'ן עופות אין

שלאכט שטיבעל
73 קענזינגטאן עוו.

ער בעט פאטראנייזינג.

דייוויד שער און קא
בארריסטערס א. א. וו.
האט $50,000.00
אויף ערשטע און צווייטע
מארטגעדזשעס
502־501 סענטראל בילדינג
45 ריטשמאנד סט. וועסט
טעלעפאן עלגין 7600

הרב
יעקב גארדאן
116 בעווערלי סטריט
דער נייער
טעלעפאן נומער
איז
וויווערלי 6186

ארענא גארדענס
60 מיוטשועל סטריט
דאנערשטאג, 7־טען יאנואר
8.30 נ. מ.
צוויי באוטס (ביז א פיניש)
פעט מעק'גיל געגען **דזשא מאלצעוויטש**
סעמי פיינאל
קארל פארזשעלא געגען **דזשא וואגנער**
פרעלימינערי
לואיס לאו געגען **לען מאקאלוזא**
פלעין מודי'ס, שאולס, קינג ערווארד. ארינא.

איוואן מיקאלאף
מעטשמייקער, ארענא אטלעטיק קלוב
טעל. וועיווערלי 1967.
(עקזיבישאן)

פרייזען 60 סענט ביז $2.25
טעקס איינגעשלאסען.

STANDARD THEATRE
WAVERLY 6950
א גרויסער יום טוב מאנטאג דעם 11־טען יאנואר
עהרען אווענט פאר דער באליבטער
אסתר פיעלד
שוישפילערין און זינגערין

עס וועט געשפילט ווערען
מ. שומסקי'ס מוזיקאלישע קאמעדיע
דאס אדעסער ווייבעל
פון ל. פריימאן. איינגעשטודירט און דיריגירט פון מ. גינזבורג.
נאך דער פארשטעלונג וועט געפראוועט ווערען
די זילבערנע חתונה פון אסתר פיעלד אויף דער בינה.
דער בארימטער חזן ב. וולאדאווסקי וועט געבען חופה וקדושין.

דאנקזאגונג פון מושב־זקנים

אין נאמען פון די זקנים און זקנות דריקען מיר אויס א הארציגען דאנק צו דעם טאראנטאר אידישען פובליקום פאר דעם פאטראנייזען דעם טעאטער אווענט, דעצעמבער דעם 30־טען, 1931, אין סטענדערד טעאטער. מיט אייער אלעמענס הילף איז די אונטערנעהמונג געווען אן ערפאלג.

א באזונדערען דאנק דריקען מיר אויס צו די ווערטע דעלעגאטען פון שוהלען, סאסייטיס און אוקזילערים. צוזאמען מיט אונזער עקזעקוטיוו פאר זייער איבערגעבענהייט און ענערגיע אין דעם ערפאלג פון דיעזער אונטערנעהמונג. עס איז ווערט צו דערמאנען דאס מענעדזשמענט פון סטענדערד טעאטער, איבערהויפט די אקטיארען, וועלכע האבען באגייסטערט מיט זייער קונסט די אנוועזענדע, און אלע זענען ארויס העכסט צופרידען.

מיר ווינשען אייך אלעמען געזונט און גליק מיט א צופרידען לעבען.

טאראנטאר מושב זקנים,

ש. הערים, פרעזידענט.

Dr. W. H. COLBORNE
מאכט באקאנט, אז ער האט זיך צוריקגעקעהרט פון ניו־יארק, וואו ער האט פאר די לעצטע צעהן יאהר פראקטיצירט און שטודירט דענטיסטרי און וועט זיך פארנעהמען מיט אלגעמיינער פראקטיק אין
קענט בילדינג, רום 701, טאראנטא
טעלעפאן עלגין 2535

וויכטיגע נייעס

פאר דער באקוועמליכקייט פון די אידישע קאסטימערס האבען
די פריימאן ברידער
געעפענט א ברענטש סטאר אין הארץ פון אידישען געגענט
אין 256 קאלעדזש סט.
קארנער קאלעדזש און ספעדיינע
מיט אן אבסאלוט נייעם סטאק
פון טאקסידאס, דרעס סוטס, העטס, העמדער, שיך א. ז. וו. אויך איווינינג לעפס און באני קאוטס פאר ליידיס

מיר לאדען דאריבער איין! אלע אונזערע קאסטימערס און טאראנטאר אידען בכלל צו באזוכען אונזער נייעם העכסט מאדערנעם סטאר און זיך איבערצייגען, אז אי"ה אויף שמחות איז אונזער סטאר דאס איינציגע פלאץ, וואו מען קאן זיך אויספוצען אין דאס שעהנסטע און בעסטע, פאר זעהר א מינימאלען פרייז.
אויפמערקזאם! מיר האבען אויך איינגעפיקסט אין אונזער נייעסטאר
— אן ערשט קלאסיגע —
קלינינג און פרעסינג אפטיילונג
וואו די ארבייט ווערט געמאכט ביי עקספערט בעלי מלאכות און מיר קענען דערפאר גאראנטירען הונדערט פראצענטיגע צופריעדענהייט אפילו פאר די זעהר רעדוצירטע פרייזען וואס מיר רעכענען. נעמליך —
סוטס און קאוטס 75 סענט און דרעסעס $1.00
מיר האבען א פינקטליכע דעליווערי סערוויס און אייער ארבייט קען געמאכט ווערען שנעל, פערפעקט און ביליג.
מיר פארהאפען, אז אונזערע פיעלע באקאנטע, חברים, פריינט און דער אידישער עולם בכלל וועלען אונז פאטראנייזען. מיר פון אונזער זייט פארזיכערען די בעסטע און ביליגסטע סערוויס.
פריימאן ברידער, 250 קאלעדזש סט.
קינגסדייל 0991
און 571 יאנג סט. קינגסדייל 3270

STANDARD THEATRE
אונזער נייער טעלעפאן נומער איז: וויווערלי 6950
אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.
פלארענס וויס, משה אוישער
יעקב זאנגער צוזאמען מיט אונזער קינסטלער קאמפאני:
אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, חוה זימאנד, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, סימאן קראסנאוו, היימאן ראפאפארט, נחמיה טאוויס און אליקם אמאסיא.
היינט, מיטוואך אווענט דעם 6־טען יאנואר
צום ערשטען מאל אין טאראנטא
„געלט און ליעבע"
ווידער נייעס! צום ערשטען מאל! ווידער נייעס!
א גרויסע סענזאציאנעלע מעלאדראמע מיט געזאנג:
פרייטאג אווענט, שבת בייטאג און אווענט
דעם 8־טען און 9־טען יאנואר
קינדער
פון דער
אונטערוועלט
אין 3 אקטען פון יצחק פרידמאן.
אויפגעפיהרט פון משה אוישער.

קארל מ. הערליק און מארים עזרין
אנאנסירען, אז זיי האבען פארמירט א פארטנערשיפ צו פראקטיצירען לאו אונטער דער פירמע
HERLICK & EZRIN
רומס 312־311 מענינג טשעמבערס
72 קווין סטריט, וועסט
(געגענאיבער דעם סיטי האל)
טעלעפאן: עדעלייד 3138, 3139
די פירמע וועט זיך באשעפטיגען מיט ענינים פון קרימינעלען און ציווילען געזעץ, איינשליסענדיג קארפארייטשאן און באנקראט געזעץ און וועט זיך ספעציאליזירען אין ריעל עסטייט, בילדינג און מארטגיידזש געזעץ.
אין די קומענדע 6 מאנאטען וועט די פירמע געבען אומזיסטע יורידישע הילף צו א געוויסע צאהל רעקאמענדירטע פון דער אידישער צדקה פעדעראציע, וואס קענען נישט באצאהלען.

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט 905־904 סענטראל בילדינג
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 3083 הויז טעלעפאן: טריניטי 1078
לאיער סאול איזען ב.א.
SOL. EISEN, B.A.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק
געלט צו לייען אויף מארטגיידזשעס
מארטגיידזשעס געקויפט

לאיערס גלעס און דיקלער
פון
GLASS - DICKLER & CO.
501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.
אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169
אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיס.
געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619
נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446
לאיער
ה. ס. מאנדעל
פון
גודמאן און מאנדעל
באריסטערס, סאליסיטארס א. אז. וו.
רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס: 45 ריטשמאנד סט. וועסט 705 סענטראל בילדינג.
אפיס טעלעפאן: וויווערלי 2211 הויז טעלעפאן קינגסדייל 8419
לאיער ב. ווינבערג ב.א.
באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליס
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.
מארגיידזשעס געקויפט.